בס"ד
פרשת שופטים - תשפ"ב - גליון כ"ז

# טייערע אידן

דברי חיזוק ואמונה ע"י המשפיע הגה"ח ר' משה מנחם טויבענפעלד שליט"א

# די ראבינאוויטש מיידל האט באצאלט פאר די אויגן אפעראציע $83.65,

### אבער דער דאקטער טענה'ט אז מען האט אים באצאלט מילליאנען!

## אין שוואכע צייטן ווערט יעדע קליינע מצוה גערעכענט אזוי ווי גרויסע מצות בימי התנאים!

עס ווערט געברענגט בשם די אר"י הקדוש אז זייט דעם חרבן בית המקדש זענען די דורות שוואך געווארן, און די מוחות זענען שוואך געווארן, און די כוחות זענען שוואך געווארן פונעם תוקף הגלות, אבער לעומת דעם איז יעדער קלייניקייט וואס מיר טוען ווערט גערעכענט אין הימל פונקט אזוי ווי אסאך מעשים טובים וואס די תנאים האבן געטון אין זייערע צייטן.

## אפילו איין שעה נישט רעדן קיין דברים בטלים ברענגט א געוואלדיגע קדושה אויפן מענטש

הרה"ק פינחס קאריצ'ער זי"ע האט געזאגט, אז ווען ער איז אהיימגעקומען פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע האט ער מיטגעברענגט מיט זיך צוויי זאכן. די ערשטע זאך איז, אויף דעם וואס עס שטייט אין כתבי אר"י אז אויב א מענטש רעדט נישט במשך פערציג טעג איז ער זוכה צו רוח הקודש, האט דער בעל שם טוב הקדוש געפרעגט וואס איז מיט א מענטש וועלכע רעדט נישט במשך אכט און דרייסיג טעג דעמאלס האט ער גארנישט אויפגעטוהן? נאר דער פשט איז אז אויב א איד האט במשך פון אכט און דרייסיג טעג נישט גערעדט קיין דברים בטלים, איז ער צוגעקומען צו אזא קדושה אז נאך צוויי טעג איז שורה אויף אים רוח הקודש, די זעלבע אויב א איד רעדט נישט קיין דברים בטלים במשך צוואנציג טעג, איז שורה אויף אים אזא רוח פון קדושה אז דאס ברענגט אים אז ער זאל אויך נישט רעדן קיין דברים בטלים במשך צוואנציג טעגאיז ער זוכה אז ביי נאך צוואנציג טעג איז ער זוכה צו רוח הקודש. אזוי אויך ווען א מענטש רעדט נישט קיין דברים בטלים איין טאג און אפילו נאר איין שעה, איז דאס אויך ממשיך אויפן מענטש א מורא'דיגע קדושה. די צווייטע זאך וואס הרה"ק פינחס'ל קאריצער זי"ע האט אהיימגעברענגט פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע איז, אז אויב א איד וויל עפעס רעדן אבער ער רעדט נישט ווייל ער טראכט אריין אז עס קען אין דעם ליגן א חשש איסור, איז דאס אן עבודה גדולה וואס נאר דער אויבערשטער ווייסט ווי שווער די עבודה קומט אן פארן מענטש, און די מקטריגים האבן נישט קיין שליטה אויף אזא מענטש.

מען זעהט פון די הייליגע ווערטער פון הרה"ק פינחס'ל קאריצער זי"ע ווי חשוב איז ביים אויבערשטער אפילו די קלייניקייטן וואס א איד טוט, און בפרט היינטיגע צייטן וואס יעדער קליינע עבודה קומט אן פארן מענטש אזוי שווער.

## די ראבינאוויטש מיידל האט באצאלט פאר די אויגן אפעראציע $83.65, אבער דער דאקטער טענה'ט אז מען האט אים באצאלט מילליאנען!

עס האט דערציילט דר. דעוויד פעלקאוויץ א מעשה וואס איז געשען אין לאנג איילענד: עס איז דא א משפחה ראבינאוויטש וועלכע איז א חסד משפחה, סיי די טאטע און סיי די מאמע און סיי די קינדער אלע זענען פארנומען מיטן טוהן חסד און אינזינען האבן אנדערע אידן סיי צובראכענע אידן און סיי סתם אידן וועלכע קענען אמאל ניצן הילף. ספעציעל האבן זיך די טאטע און מאמע געפארעט מיט ביקור חולים און מחזק זיין חולים, און די קינדער האבן שוין געוויסט און געלעבט מיט ביקור חולים און מיט אלע מיני חסדים. איינע פון די קינדער איז געווען א ניין יעריגער מיידל וועלכע איז בטבע געווען א שעמעוודיגע מיידל, אבער פונקט ווי אירע אלע אנדערע געשוויסטער האט זי אויך גענומען א חסד אויפגאבע. זי האט געהאט א קביעות צוויי מאל א וואך ארויפצוגיין צו א עלטערע בלינדע פרוי, און זי פלעגט פארברענגען מיט איר און איר דערציילן א מעשה און איר משמח זיין.

איינמאל בשעת ווען די מיידל איז געווען ביי דעם פרוי פארברענגען מיט איר האט זיך די פרוי צוקרעכצט און געזאגט "אוי! נאך צוויי יאר!", די מיידל האט נישט פארשטאנען וואס מיינט זי צו זאגן און זי האט געפרעגט דעם עלטערן פרוי "וואס איז אין נאך צוויי יאר?" די עלטערע פרוי האט איר מסביר געווען "איך זע טאקע נישט ל"ע אבער מען קען מיך אפערירן די אויגן און איך וועל בעזר השם שוין יא קענען זעהן, אבער אזא אפעראציע קאסט אסאך געלט און איך קען מיך דאס נישט ערלויבן יעצט, אבער אין צוויי יאר ארום ווער איך פינף און זעכציג און דעמאלס וועט שוין די רעגירונג באצאלן פאר אזא אפעראציע און איך וועל מוזן אויסווארטן נאך צוויי יאר". די מיידל איז אויפגעשפרינגען פון פלאץ ווען זי האט דאס געהערט, און זי האט נישט געקענט מסכים זיין צו אזא זאך אז א אידישע פרוי זאל זיך פלאגן מיט בלינדקייט ווען מיט אפאר דאללער קען

מען איר העלפן. זי האט מחליט געווען אז היה לא תהיה און די פרוי גייט נישט יעצט זיין בלינד פאר נאך צוויי יאר, נאר מען גייט איר שאפן די געלט פאר אזא אפעראציע און זי גייט אנהייבן צו זעהן ווי שנעלער.

די מיידל איז אהיימגעגאנגען יענעם טאג און צוזאמענגעקראצט איר אלע פורים געלט און געבורטסטאג געלט און די געלט וואס זי פלעגט באקומען פארן בעיביסיטן און יעדער פרוטה וואס זי האט פארמאגט, און זי האט דאס אריינגעלייגט אין א זעקל. זי איז ארומגעגאנגען צו אירע אלע חבר'טעס און זיי מסביר געווען וואס איר צוועק איז, און די חבר'טעס האבן זייער רחמנות באקומען אויף די עלטערע בלינדע פרוי און זיי האבן איר דערלאנגט זייערע אפגעשפארטע געלט פאר דעם דבר מצוה. זי האט איבערגעציילט דאס געלט און געזעהן אז דאס איז ווייט פון גענוג צו באצאלן אן אויגן אפעראציע, האט זי באשלאסן פארקוקן אויף איר בושה און טוהן עפעס אויסערגעווענליך.

זי איז אריינגעגאנגען צו אלע קלאסן פון איר שולע און זי האט אויסגעלאשן די לעקטער, און געבעטן די מיידלעך צו פארמאכן זייערע אויגן. זי האט געפרעגט די מיידלעך ”וואס זעהט איר יעצט ווען עס איז טינקל און אייערע אויגן זענען פארמאכט?”, פארשטייט זיך אז אלע האבן געענטפערט אז זיי זעהן גארנישט. זי האט געוויינט פון הארץ און געזאגט ”איך האב שייכות מיט אן עלטערע פרוי וועלכע לעבט שוין לאנגע יארן אזוי ווי איר פיהלט יעצט אין די פאר סקונדעס און זי קען נעבעך נישט זעהן, אבער פאר אפאר דאללער קען מען איר אפערירן די אויגן און זי וועט בעזר השם יתברך קענען זעהן. איך בעהט אייך טייערע מיידלעך האט רחמנות אויף די בלינדע פרוי, און לאמיר איר געבן די געלעגענהייט צו קענען זעהן!” אירע ווערטע האבן אויפגעוועקט רחמנות געפיהלן ביי די מיידלעך, און דעם קומענדיגן טאג האבן אסאך מיידלעך איר באווארפן מיט זייערע אפגעשפארטע געלטער, און איר זעקל האט זיך שוין אביסל אנגעפילט מיט מזומן. זי איז ארויסגעגאנגען פון שולע מיט די זעקל געלט, און זי איז אריבערגעלאפן צום בלינדע פרוי אין שטוב. זי האט געזאגט פארן בלינדער פרוי מיט עקסטאז ”קום מיר גייען!”, די פרוי האט איר מיט וואונדער געפרעגט ”ווי גייט מען?”, זי האט געענטפערט ”דא אנקעגן איבער איז דא א העלט סענטער ווי עס ארבעט א אויגן דאקטער מיר גייען צו אים מאכן די אפעראציע אויף דיינע אויגן אז דו זאלסט קענען זעהן בעזר השם!” די עלטערע בלינדע פרוי האט נישט געפרעגט קיין קושיות נאר זיך אויפגעהויבן און מיטגעגאנגען מיטן מיידל, און זיי זענען אריבער געגאנגען צום העלט סענטער.

זיי זענען אנגעקומען אינעם העלט סענטער, און די מיידל האט תיכף ומיד געבעטן זיך צו טרעפן מיטן אויגן ספעציאליסט דר. מאשקאוויטש. זיי זענען אריינגעגאנגען צום דאקטער אין אפיס אריין, און די מיידל האט געזאגט פארן דאקטער ”מיר זענען אהערגעקומען צו אייך ווייל די עלטערע פרוי זעהט נישט און זי דארף מאכן אן אפערעישען אויף די אויגן צו קענען זעהן”. דער דאקטער האט איר געענטפערט ”זייער פיין, רעד מיט מיין סעקעטערי און מאך אן אפוינטמענט, איך מיין אז די נעקסטע עוועליבעל צייט איז אין דריי חדשים ארום”. די מיידל איז זייער אנטוישט געווארן פון די לאנגע צייט וואס מען וועט דארפןווארטן און זי האט אנגעהויבן צו וויינען אויפן קול, און זי האט זיך געבעטן ביים דאקטער ”ניין! מען מוז מאכן די אפעראציע היינט דא אין אפיס! איך זע אז דא אין אפיס איז אפילו דא כלים צו מטפל זיין מיט אויגן, מען קען בשום אופן נישט ווארטן קיין דריי חדשים!”

דער דאקטער איז זייער איבערגענומען געווארן פון די מיידל'ס שטארקייט און איבערגעגעבענקייט פאר די עלטערע בלינדע פרוי, און ער האט נישט געקענט צוקוקן ווי די מיידל וויינט אזוי שטארק. דער דאקטער האט מיט ווארעמקייט און מיטגעפיהל געענפערט פארן מיידל ”שעפעלע, מען קען נישט מאכן קיין אפעראציע אין א דאקטערס אפיס... נאר דאס מוז מען טוהן אין א שפיטאל, איך וועל באפעלן מייט סעקעטערי אז די קומענדיגע אפעראציע וועלכע ווערט געקענסעלט (CANCELLED) זאל מען געבן פאר דעם עלטערע פרוי!” דערנאך האט זיך דער דאקטער אויסגעדרייט צום עלטערע פרוי און איר געפרעגט ”וואס איז אייער פלאן וועגן באצאלן?”, די פרוי האט איר געענטפערט ”איך ווייס נישט, די מיידל איז אלעס מסדר פאר מיר”. די מיידל האט געהערט די שאלה פונעם דאקטער און די פרוי'ס ענטפער, און זי האט ארויסגענומען פון איר טאש די זעקל מיט דאללערס און קוואדערס און דאס דערלאנגט פארן דאקטער. דער דאקטער האט איבערגענומען די זעקעלע מיט געלט און אריינגעלייגט אין טאש אריין, און ער האט ניטאמאל געקוקט וויפיל געלט ליגט דארטן. דער דאקטער האט זיך באלד פארבונדן אויפן טעלעפאון מיט זיין סעקעטערי און געפרעגט אויב עס איז דא א קענסעלעישען ביי איינע פון די קומענדיגע אפוינטמענטס, און די סעקעטערי האט אים געענפערט אז עס איז דא א אפוינמענט פאר צוויי וואכן ארום וועלכע איז געקענסעלט געווארן. דער דאקטער האט באפוילן די סעקעטערי צו געבן יענעם געקענסעלטע אפוינטמענט פאר די עלטערע פרוי, און די שמחה און פרייד פון די מיידל איז געווען אויף אן אופן וואס מען קען דאס גארנישט באשרייבן.

צוויי וואכן שפעטער איז די עלטערע פרוי אריבער אן אפעראציע אויף די אויגן, און בסייעתא דשמיא האט די אפעראציע מצליח געווען. די עלטערע פרוי האט אנגעהויבן צו קענען זעהן לשמחת לבם פון אלע אירע פאמיליע מיטגלידער און נאנטע, און בראשם די ראבינאוויטש מיידל וועלכע איז געווען די שליח פונעם באשעפער צו אנדרייען די גאנצע מעשה. די מאמע פון די מיידל מרת. רבינאוויטש איז געווען אויסער זיך פון שמחה און נחת פון איר טאכטער'ס מעשים טובים, אבער ווען זי האט געהערט וואס מען האט געטוהן וועגן באצאלן איז איר גוט געווארן..., זי האט פארשטאנען אז פון די ביסל פורים געלט וואס די מיידלעך אין שולע האבן איר געשאנקען האט זיך בשום אופן נישט געקענט אנזאמלען אפילו נישט א הונדערטסטל פון וויפיל אזא אפעראציע קאסט.

מרת. רבינאוויטש איז אריבערגעגאנגען צום אפיס פון דאקטער מאשקאוויטש, און זי האט אים געזאגט ”טייערע דאקטער! איך וויל מיך פאר אייך אנטשולדיגן אז מיין טאכטער האט מסדר געווען אן אפעראציע אליינס און זי האט אייך נישט באצאלט. לאמיר מאכן א לענגערע פעימענט פלאן פאר די אפעראציע און איך וועל דאס צוביסלעך אויסצאלן”. דער דאקטער איז זייער נתרגש געווארן און ער האט איר געענטפערט ”אייער טאכטער האט מיך אלעס באצאלט! זי האט מיט אזא הארץ

צוזאמענגעקראצט די פאר דאללער און זיך געוויינט צו מיר אז איך זאל מאכן די אפעראציע!" דער דאקטער האט ארויסגענומען די זעקעלע מיט די צוקנייטשטע דאללערס און קוואדערס און ער האט דאס איבערגעציילט, און אלעס צוזאמען איז געווען $83.65! דער דאקטער האט געזאגט פאר מרת. רבינאוויטש "אייער טאכטער האט מיך טאקע באצאלט נאר $83.65, אבער איך שפיר אז זי האט מיך באצאלט מילליאנען! יעדע מאל וואס איך קען ניצן אביסל חיזוק נעם איך ארויס די זעקעלע מיט דאללערס און קוואדערס, און איך ווער זייער נתחזק פון וואספארא מצוה איך האב געטון און איך ווער נתחזק פון טראכטן פון אייער טאכטער!"

מען זעהט פון די מעשה די ווערטער פונעם אר"י הקדוש אז טראץ אלע שווערע נסיונות וואס מיר שטייען אויס היינטיגע צייטן, אבער די קלייניקייטן וואס מיר טוען איז אזוי מאכטפול אזוי ווי אסאך מעשים טובים וואס אידן האבן געטון בימי התנאים!

### מיר דארפן דורכברעכן די דינע שיכט מיט אונזערע תפילות אז משיח זאל שוין קומען

אסאך צדיקים האבן געפרעגט וואס איז פשט אז מיר דאווענען אויף ביאת המשיח, אלע תנאים און אמוראים און אלע פרערדיגע צדיקים האבן דאך שוין געדאווענט און געווארט אויף ביאת המשיח און משיח איז נישט געקומען אין זייערע צייטן, וואס קענען שוין אונזערע תפילות אויפטון? איך האב געזעהן א תירוץ אין איינע פון די ספרים הקדושים אז דאס דאווענען און ווארטן אויף ביאת המשיח איז אזוי ווי אדורכברעכן א דיקע וואנט, און די פריערדיגע צדיקים האבן מיט זייערע תפילות און מעשים טובים שוין אדורך געבראכן רוב רובו פונעם וואנט, עס איז נאר נאך געבליבן א דינע שיכט וועלכע איז נאכנישט דורכגעבראכן געווארן. די דינע שיכט האט מען איבערגעלאזט פאר אונז, און די דינע שיכט וועלן מיר בקרוב ממש דורכברעכן מיט אונזערע תפילות און משיח וועט שוין בקרוב ממש קומען און אונז אויסלייזן פון דעם לאנגן פינסטערן גלות!

## יבא יבא זאל ער שוין קומען

טייערע אידן מען האלט נאך אין די ז' דנחמתות אידן שטייען און קוקן ארויס בכליון עינים אז די יאר זאלן מיר שוין זוכה זיין צו די גאולה!

### דער אויבערשטער ווארט אז מיר זאלן תשובה טון כדי צו קענען אויפבויען דעם בית המקדש!

הרה"ק חיים פלאג'י זי"ע ברענגט אראפ אין זיין ספר מועד לכל חי א לשון פונעם תנא דבי אליהו, "מעיד אני עלי שמים וארץ אז דער אויבערשטער שטייט און קוקט ארויס און ווארט פאר די אידן אז זיי זאלן תשובה טון און ער זאל פאר זיי קענען צוריק אויפבויען די בית המקדש מער ווי א טאטע ווארט אויף זיין קינד און מער ווי א מאן ווארט אויף זיין פרוי!" הרה"ק חיים פלאג'י זי"ע איז מגיב אויף די ווערטער און ער שרייבט "גלייבט מיר אז יעדער מאל וואס איך לערן איבער די הייליגע ווערטער פונעם תנא דבי אליהו עיני עיני ירדה מים!, ווי אזוי קען זיין אז דער אויבערשטער שטייט און ווארט אז מיר זאלן תשובה טון ווייל ער וויל מיט אונז טון די בעסטע וואס איז נאר שייך, און מיר דרייען זיך ארום גלייכגילטיג און מיט א פארשטאפטער הארץ און מיר נעמען נישט אין אכט אז דער אויבערשטער שטייט און ווארט אויף אונז!"

שכינתא בגלותא! שכינת קדשך!

חז"ל זאגן "כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה". הרה"ק מקרעטשניף זצ"ל האט דערציילט אז הרה"ק איציקל ראדווילער זי"ע וועלכע איז געווען א זון פון הרה"ק מיכל'ע זלאטשוב'ער זי"ע פלעגט עסן נאכטמאל יעדע נאכט נאנט צו חצות הלילה. אינמיטן נאכטמאל פלעגט ער אנהייבן צו קרעכצן און זאגן צו זיך אליינס "שכינתא בגלותא שכינת קדשך!", און פון זיינע הייליגע אויגן האבן אומאויפהערליך געפלאסן טרערן אז דער משמש האט ממש יעדע פאר מינוט געמוזט אפווישן דעם טיש וועלכע איז נאס געווארן פון טרערן, און דאס פלעגט אנהאלטן פאר א האלבע שעה! ווען דער קרעטשניפער רבי זצ"ל פלעגט דערציילן די מעשה פלעגט ער אויך ווערן זייער נתרגש און קרעכצן "שכינת קדשך שכינתא בגלותא!"

### דאס אז מען האט היינט נישט מקריב געווען קיין קרבן תמיד שטערט דיך נישט?!

א איד איז אמאל אריינגעקומען צו הרה"ק בעל אוהב ישראל זי"ע מאפטא, און ער האט זיך אויסגערעדט אויף זיינע צרות און יסורים און ער האט געווארט צו הערן דברי תנחומין פונעם אפטער רב זי"ע. דער איד האט אראפגעלייגט זיינע פראבלעמען און יסורים, אבער ער באמערקט אז דער אפטער רב זי"ע ענטפערט אים עפעס נישט געהעריג צוריק און ער איז נישט אינגאנצן מרוכז אויסצוהערן זיינע צרות, און עס האט אים פארדראסן אז דער רבי איז זיך נישט געהעריג מתייחס צו זיינע צרות. דער אפטער רב זי"ע האט באמערקט אז דער איד איז נישט צופרידן און עס שטערט אים אז ער ענטפערט אים נישט געהעריג איבער זיינע צרות, האט אים דער אפטער רב זי"ע געפרעגט "און דאס אז מען האט היינט נישט מקריב געווען קיין קרבן תמיד שטערט דיך נישט?"

הרה"ק מאטל סלאנימער זי"ע ווען ער פלעגט לערנען משניות און ער איז אנגעקומען צו די ווערטער "משחרב בית המקדש התקין רבי יוחנן בן זכאי" האט ער נישט געקענט ממשיך זיין צו זאגן ווייטער, און עס האבן אים אנגעהויבן רינען הייסע טרערן פון זיינע הייליגע אויגן!

### ווען דרייסיג טויזענט אידן וואלטן יעדן טאג געזאגט "ממקומך מלכנו תופיע ותמלוך עלינו מהרה כי מחכים אנחנו לך" וואלט שוין משיח לאנג געקומען!

עס איז אמאל געקומען א משלחת פון אנשים מכובדים פון א געוויסער שטאט צום בית הלוי זצ"ל, און זיי האבן אים געוואלט אויפנעמען אלס רב אין זייער שטאט. ער האט נישט געהאט קיין חשק צו גיין ווערן רב ביי זיי אין שטאט און ער האט זיך אנטזאגט צו קומען מיט זיי, און זיי זענען געווארן אובדי עצות און נישט

געוואוסט ווי אזוי מען קען אים שלעפן. איינע פון די משלחת האט זיך אנגעגארטלט מיט דרייסט און האט זיך אנגערופן "רבי! ווי אזוי קענט איר מסרב זיין בשעת דרייסיג טויזענט אידן שטייען און ווארטן אז איר זאלט קומען צו אונז אין שטאט ווערן רבי!", ווען דער בית הלוי האט דאס געהערט איז ער דערציטערט געווארן און ער האט זיך באלד אויפגעהויבן און איז מיטגעגאנגען מיט זיי. ווען דער הייליגער חפץ חיים האט געהערט די מעשה האט ער געזאגט מיט התרגשות "ווען דרייסיג טויזענט אידן וואלטן יעדן טאג געזאגט "ממקומך מלכינו תופיע ותמלוך עלינו מהרה כי מחכים אנחנו לך" וואלט שוין משיח לאנג געקומען!

### טאטי זאג מיך ווי לאנג גיי איך נאך דארפן וויינען אז משיח זאל שוין קומען?

הגה"צ יצחק זילבערשטיין שליט"א ברענגט אין זיין ספר ברכי נפשי א מורא'דיגע מעשה וועלכע עס האט אים דערציילט א איד וואס וואוינט אין פתח תקוה: איך האב א שכן מיט וועמען איך בין היימיש און בידידות, אבער יענער איז נעבעך נישט קיין שומר תורה ומצות. במשך די יארן האב איך אסאך מאל פראבירט אים צו איבעררעדן אז ער זאל תשובה טוהן און ווערן אן ערליכע איד און פארזיכן דעם זיסן טעם פון תורה ומצות, אבער יענער איז נעבעך געווען איינגעזינקען אין זיינע תאוות און ער האט זיך נישט געקענט אפרייסן פונעם גשמיות און פונעם עולם הזה און ער איז נעבעך געזינקען טיפער און טיפער. ויהי היום און איך האב באמערקט אז דער נישט ערליכער שכן איז אביסל נשתנה געווארן לטובה, און ער האט אנגעהויבן צו היטן אביסל אידישקייט און ער האט זיך שוין אנגעטוהן א קאפל. איך האב מיך זייער געוואונדערט ווייל איך האב דאך שוין אזוי פיל יארן פראבירט צו רעדן מיט אים און גארנישט האט זיך נישט גערוקט און וואס איז מיט אים פלוצלונג געשען? איך האב אים אבער גארנישט געזאגט, ווייל איך האב מורא געהאט אז איך וועל פרעגן איבעריגע שאלות וועלכע קענען נאך קאליע מאכן. עס איז אריבער נאך אביסל צייט און איך האב געזעהן אז דער איד ווערט ערליכער און ערליכער פון טאג צו טאג, ער האט שוין אנגעהויבן קומען אין בית המדרש אריין צו די דריי תפילות אנגעטוהן מיט א קאפל און ציצית, און איך האב געזעהן בחוש אז עפעס האט מיט אים פאסירט און ער זוכט קירבת אלוקים. איך האב מיך שוין נישט געקענט איינהאלטן און איך האב אים געפרעגט "וואס איז מיט דיר געשעהן? אזוי פיל יארן פראביר איך שוין משפיע צו זיין אויף דיר אז דו זאלסט ווערן א בעל תשובה! וואס איז יעצט פלוצלונג געשעהן?"

דער בעל תשובה האט מיר געענטפערט: אמת אמת שוין אסאך יארן וואס דו רעדסט צו מיר און דו פראבירסט צו מאכן א מענטש פון מיר, אבער מיינע תאוות עולם הזה האבן לײדער איבערגעוואויגן דיינע ווערטער פון יראת שמים און איך האב געוואלט ענדערש בלייבן אין שאול תחתית רח"ל. מיין נשמה האט אבער זעהט אויס נישט אזוי הנאה געהאט פון מיין התנהגות, און פלוצלונג איז מיר אינטערגעקומען א אומגעראכטענע מעשה וועלכע האט מיך אויפגעשאקלט אדורך און אדורך אין אלע מיינע ביינער! איין טאג האב איך געהאט גאר אסאך זאכן צו ערלעדיגן אין מיין ארבעט און איך בין פארבליבן אין אפיס ביז שפעט אינמיטן די נאכט, און איך בין אהיימגעגאנגען בערך צוועלף אזייגער ביינאכט אויסגעמוטשעט פון אזא לאנגע שווערע טאג ארבעט. איך גיי אזוי אין גאס און פלוצלונג הער איך א קול פון א קינדערישע געוויין. איך דריי מיך ארום און איך זע א טאטע גייט אין גאס מיט זיין קליין יונגעלע פון בערך פיר יאר אלט, און דאס קינד וויינט ביטערליך און דער טאטע קען אים עפעס נישט בארואיגן. איך בין געווען זייער נייגעריג צו וויסן פארוואס דער קינד וויינט אזוי ביטער, און איך בין צוגעגאנגען נענטער צו דעם טאטע מיטן קינד און איך האב מיך אינטערגעהערט וואס זיי רעדן. איך האב געהערט ווי דער קינד וויינט צום טאטן און זאגט "טאטי! מיין רבי האט געזאגט לעצטע וואך אין חדר אז מיר זיצן שוין אין גלות אן קיין בית המקדש שוין באלד צוויי טויזענט יאר, און מיר דארפן וויינען און בעטן מיט טרערן צום אויבערשטער אז משיח זאל שוין קומען. טאטי איך וויין שוין צום אויבערשטער א וואך צייט אז משיח זאל שוין קומען און משיח איז נאכאלס נישט געקומען, טאטי זאג מיך ווי לאנג גיי איך נאך דארפן וויינען אז משיח זאל שוין קומען?" דער טאטע האט געגלעט זיין קינד און אים געזאגט "מיין טייער קינד מיר ווייסן טאקע נישט ווען משיח וועט קומען, אבער דער אויבערשטער הערט אויס דיין געוויין און מיט דיינע טרערן האסטו זיכער נענטער געברענגט משיח'ס קומען!"

איך בין אוועקגעגאנגען פון דעם טאטע מיטן קינד, און איך האב פשוט אויסגעבראכן אין א ביטערע געוויין און איך האב כמעט גע'חלש'ט פון גרויס התרגשות! איך האב געטראכט צו מיר "איך ליג טיף טיף אין די ערגסטע טומאה און אין סטרא אחרא און איך בין עוסק אין עבירות יומם ולילה, און קוק וואספארא דאגות דער קליינע ריינע הייליגע יונגעלע האט!" איך האב מיך נישט געקענט בארואיגן מיין געוויסן און א שטארק הרהור תשובה האט מיך ארום גענומען פון קאפ ביז פוס, און איך האב באשלאסן אז גענוג איז גענוג און עס איז שוין צייט זיך צו איבערבעטן מיטן אויבערשטער. איך האב מיך אינטערעסירט איבער הילף וואס איך קען באקומען צו חוזר בתשובה זיין, און איך האב מיך טאקע פארבונדן מיט טייערע אידן וועלכע זענען עוסק אין קירוב רחוקים, און ברוך השם אז בזכות דעם קליינעם יונגעלע האב איך זוכה געווען תשובה צו טון!

## געקלויזט מיין דירה פאר דריי הונדערט פינף און צוואנציג טויזענט דאללער וויניגער

### מעשה נורא וואס האט פאסירט מיט מיין חבר, פארציילט הרה"ח בערל דאנציגער שליט"א פון וויליאמסבורג

טייערע אידן! מיר שטייען נאך נאנט צום חודש אב און אב איז מרמז אויף אמונה, אזוי ווי דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים (צ"ב, ג') "ואמונתך בלילות" אז אפילו ווען עס איז טינקעלע צייטן דארף מען זיך חזר'ן אמונה. אב איז ראשי תיבות אמונתך בלילות, און אויך איז אב ראשי תיבות אמונה בטחון.

## עוסק זיין אין פרנסה קען זיין א נעץ צו פארכאפן דעם מענטש און אים אוועקנעמען זיין אמונה ובטחון אינעם איבערשטער

די משנה זאגט אין אבות (פרק ג' משנה כ') הוא היה אומר, הכל נתון בערבון, ומצודה פרוסה על כל החיים וכו'. דער הייליגער בת עין אין פרשת במדבר טייטשט "ומצודה פרוסה על כל החיים" די עיקר עבודה פון א איד איז אמונה אזוי ווי עס שטייט "וצדיק באמונתו יחיה", און אויך איז די עיקר עבודה בטחון אזוי ווי עס שטייט (תהלים, ל"ז, ג') "בטח בה' ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה" ווייל א איד דארף צוקומען צו אמונה ובטחון. א איד ארבעט טאקע אויף אמונה ובטחון, אבער ומצודה פרוסה על כל החיים מען קען ווערן פארשלעפט אין די ענינים פון פרנסה. מען קען ווערן פארדרייט אין קרומקייטן און מען קען פארלירן די בטחון אינעם אויבערשטער, ווייל מען קען זיך איינרעדן אז כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה און מען מיינט אז די הצלחה אין פרנסה איז ווייל איך האב געטון און איך האב געמאכט. דער מענטש דארף געדענקען אז דער אויבערשטער איז דער וואס וועט אים געבן זיין פרנסה, און די תפקיד פונעם איד איז בלויז זיך צו פארלאזן אויפן אויבערשטער. דער הייליגער בעל שם טוב האט געטייטשט ומצודה פרוסה על כל החיים פרוסה איז מלשון כדי אכילת פרס א לשון פון פרנסה. די מצודה פון פרנסה איז אויף יעדער מענטש, ווייל די קאפ פונעם מענטש ליגט כל כולו אין די פרנסה און ער ווערט טרוד אין דעם, און ער האט נישט קיין צייט זיך אריינצולייגן אין עבודת השם יתברך.

דער בת עין זי"ע פירט אויס אז אויב א מענטש איז זיך כסדר מתבונן אין די חסדי השם יתברך און ער גלייבט באמונה שלימה אז דער אויבערשטער וועט אים מזמין זיין די פרנסה אן קיין קרומקייטן, דעמאלס קען זיין קאפ און זיין הארץ ליגן אין עבודת השם יתברך, און ער קען אוועקגעבן זיין צייט אויף לימוד התורה. דורך די ליכטיקייט פון קדושה פון די תורה און מצוות וועט דער איד נתעלה ווערן ממדריגה למדריגה, ביז ער וועט זוכה זיין צו ווערן א משכן פאר השראת השכינה.

על כל פנים היוצא לנו פון די הייליגע ווערטער פון דער הייליגער בעל שם טוב הקדוש און פונעם הייליגן בת עין איז אז פרנסה איז א שווערע זאך וואס מענטשן ווערן אין דעם אריינגעשלעפט און פארדרייט. אנדערש איז אבער אויב א מענטש האט א פעסטע אמונה ובטחון אינעם אויבערשטער, דעמאלס ווערט ער נישט אריינגעכאפט און פארקרומט אין עניני פרנסה, און ער איז נישט עוסק אין קיין שום פרנסה וועלכע איז נישט הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן על פי תורה.

## ער האט געפאלגט די תורה און נישט געגעבן די האנט פאר א פרוי, און ער האט באקומען די הויז פאר דריי הונדערט פינף און צוואנציג טויזענט דאללער ווייניגער!

עס האט מיר דערציילט הרה"ח בערל דאנציגער שליט"א פון וויליאמסבורג: איך האב א חבר אין ביזנעס גאר אן ערליכער חשוב'ער יונגערמאן א בעל אמונה ובטחון אויף גאר א הויעכע דרגה, און ער איז ברוך השם גאר שטארק מצליח אין ביזנעס און ער האט פרנסה בריוח. איין טאג איז אים אינטערגעקומען א גוטער דיל (DEAL) צו אפקויפן א שיינעם שטח מיט א גרויסער הויז אויף דעם, און האט זיך שוין געגרייט צו קלויזן דעם דיל פאר א מיליאן צוויי הונדערט און פופציג טויזענט דאללער ($1.250,000). די מוכר איז געווען א פרייע פרוי, און ווען זיי האבן שוין ביידע מסכים געווען אויפן פרייז און אויף אלע אנדערע איינצלהייטן האט אים די פרוי אויסגעשטרעקט די האנט, אזוי דער שטייגער אין ביזנעס אז ווען מען קלויזט אויף א דיל געבט מען זיך די האנט. דער ערליכער יונגערמאן האט איר איידערלערהייט געגעבן צו פארשטיין אז ער קען איר נישט געבן די האנט, ווייל אלס ערליכער איד טאר מען דאס נישט טון על פי תורה. די מוכר האט זיך זייער באליידיגט אז ער וויל איר נישט געבן די האנט, אבער זי האט גארנישט געקענט טון, און זי איז ארויסגעגאנגען פון דארטן מיט א זויערע פארוויטאגטע מינע אויף איר געזיכט.

עס איז אריבער אפאר טעג און דער יונגערמאן האט שוין געוואלט ענדיגן דעם דיל און גיין צום אדוואקאט איבערשרייבן די הויז מיטן לאט אויף זיין נאמען, אבער די מוכר האט מער נישט מיטגעארבעט מיט אים. דער יונגערמאן האט זיך אינטערעסירט וואס עס האט פאסירט מיטן מוכר, און ער איז געוואויר געווארן אז זי איז גאר באליידיגט און בייז אויף אים ווייל ער האט איר נישט געוואלט געבן די האנט. ער האט זיך פארבונדן מיטן מוכר און פראבירט זיך צו אנטשולדיגן און זיך פארענטפערן, אבער זי האט אים אנגעשריגן "אויב דו ווילסט מיר נישט געבן די האנט מיינט דאס ביי מיר אז דו ווילסט נישט האנדלען מיט מיר און דער דיל איז אויס!", און זי האט אראפגעהאקט דעם טעלעפאון אין זיין פנים אריין. דער ערליכער יונגערמאן איז בכלל נישט נתפעל געווארן פון וואס עס איז אים געשעהן אין די לעצטע מינוט איידערן קלויזן, און ער האט געטראכט צו זיך "פון פאלגן דעם אויבערשטער קען מען נאר פארדינען און זיכער נישט דערלייגן, זעהט אויס אז דער אויבערשטער וויל מיך געבן עפעס בעסערס און איך האב קודם געמוזט אריבערגיין און ביישטיין דעם נסיון".

עס איז אריבער א שטיק צייט און דער יונגערמאן האט אינטערגעשיקט א צווייטער זאל פראבירן צו האנדלען מיטן מוכר און אפקויפן דעם לאט מיטן הויז כאילו אז יענער וויל עס קויפן, און דער שליח האט שוין אנגעהויבן צו רעדן מיט איר און זי איז שוין געווארן ערענסט אינטערעסירט צו ענדיגן דעם דיל. אינצווישן איז אינטערגעקומען די קאראנע אינטערגאנג און די גאנצע וועלט איז פארשפארט געווארן, און די משא ומתן איבער די דיל איז איינגעשלאפן. במשך די קאראנע תקופה איז די מוכר געווארן אביסל באזארגט אז די הויז וועט צוביסלעך פארלירן די ווערד, האט זי זיך צוריק אריינגעלייגט אין די נושא און זי האט נאכאמאל פראבירט צו האנדלען מיטן אינטערגעשעלטער שליח פון מיין חבר צו ממשיך זיין מיטן מקח. זי איז שוין נישט געווען אזוי שטאלץ ביי זיך, און זי איז שוין געווען גרייט צו אראפלאזן די פרייז און דאס פארקויפן פאר א מיליאן הונדערט טויזענט דאללער ($1.100,000).

מיין חבר דער ערליכער יונגערמאן האט פארשטייט זיך געוואלט בארגן געלט פון די באנק און ארויסנעמען א מארגעדזש אויף דער הויז, און די באנק האט געוואלט אראפשיקן אן אינספעקטער צו באקוקן און אפשאצן דעם הויז מיטן הויף. די מוכר האט געהאט א טענענט וועלכע האט געוואוינט אין דעם הויז,

און יענער האט געהאט א ליס (LEASE) פאר פינף יאר. דער טענענט האט געהאט די רעכט נישט ארייצולאזן קיינעם אין די הויז, און די מוכר האט בשום אופן נישט מצליח געווען צו באקומען רשות פונעם טענענט אריינצושוקן אן אינספעקטער פון די באנק אין די הויז. די מוכר איז געווארן מורא'דיג פארלוירן און דערשראקן פון דעם אז די באנק וועט נישט קענען מאכן קיין אינספעקשן אויפן הויז, און זי האט שוין אנגעהויבן צו ציטערן אז זי וועט שוין נישט קענען פארקויפן די הויז ביז ווען די ליס פון יענעם טענענט לויפט אפ. זי האט זייער געציטערט פון אזא געדאנק אז זי וועט נישט קענען פארקויפן די הויז איידער די ליס פונעם טענעט לויפט אפ, ווייל זי האט געהאט אביסל פוטער אויפן קאפ. די הויז האט זי באקומען בירושה און עס איז געווען א שלעגעריי אין איר פאמיליע פאר ווער עמען די הויז געהערט, וממילא האט זי זיך בכלל נישט געפיהלט פארזיכערט מיטן הויז, זי איז געווען אויסן צו פארקויפן די הויז ווילאנג עס ליגט נאך ביי איר אין די הענט, און איר גאווה האט נאכמער נאכגעלאזט און זי איז שוין געווען גרייט אראפצולאזן די פרייז אויף נאך נידעריגער.

מיין חבר דער ערליכער יונגערמאן איז אבער יא אויפגעקומען אויף אן עצה וויאזוי צו אריינבאקומען אן אינספעקטער אינעם הויז. די באנק האט געשוקט אן אינספעקטער צו אינטערזוכן און אפשאצן די הויז, און די באנק האט מסכים געווען צו געבן פאר מיין חבר א מארטגעדזש אויף די הויז. דער אינטערגעשטעלטער שליח האט מודיע געווען פארן מוכר אז ער האט א מהלך וויאזוי צו אריינבאקומען אן אינספעקטער אינעם הויז, אבער ער האט געפאדערט אז בשכר זה זאל זי אראפלאזן די פרייז נאך נידעריגער. די מוכר איז שוין געווען אינגאנצן מיואש אז זי וועט נאך אמאך קענען פארקויפן די הויז, און זי האט געציטערט אז יעדער ליאדער מינוט וועט איינער פון איר משפחה מצליח זיין ארויסצושלעפן די הויז פון איר דורכן געריכט. זי איז שוין געווען אויסן צו פארקויפן די הויז פאר יעדער פרייז אבי זי זאל פארדינען דאס געלט אויפן מקח. דער שליח האט זיך נאכאמאל אראפגעזעצט מיט איר, און ער האט אראפגעהאנדלט די פרייז, און זי האט מסכים געווען שריפטליך צו ענדיגן די מקח פאר ניין הונדערט פינף און צוואנציג טויזענט דאללער ($925,000)! איבער דריי הונדערט טויזענט דאללער ($300,000) וויניגער ווי די ארגינעלער פרייז וואס זי האט געוואלט! יעצט היי יאר זימער תשפ"ב האט מיין חבר געקלויזט אויפן לאט מיטן הויז בשעה טובה ומוצלחת, און ער האט פארדינט אז זיין אמונה ובטחון איז שטערקער געווארן זעענדיג אז פונעם פאלגן דעם אויבערשטער פארדינט מען. מיין חבר האט אויך פארדינט אז וויבאלד אז די מקח האט זיך געשלעפט במשך אפאר יאר האט די מוכר כסדר געהאלטן אין איין הייבן די רענט פארן טענענט, און ממילא ווען ער האט געקלויזט האט ער נישט נאר באצאלט היבש א קלענערן פרייז פארן הויז, נאר זיין חודש'ליכע הכנסה פונעם טענענט איז אויך שוין געווען א שיין ביסל מער ווי ווען ער האט אנגעהויבן צו האנדלען איבערן מקח!

מען זעהט פון די וואונדערליכער מעשה אז ווען א איד האט אמונה ובטחון אינעם אויבערשטער און ער ווערט נישט פארכאפט און פארשלעפט אין די נסיונות בעניני פרנסה, דעמאלס העלפט אים דער אויבערשטער און ער איז מצליח דורך זיין ערליכקייט בגשמיות וברוחניות!

# געהאלפן געווארן בזכות שבת קודש

## און בזכות לויבן דעם אויבערשטער

טייערע אידן! מיר שטייען יעצט אין די ימי הנחמה און דער אויבערשטער טרייסט אונז און זאגט אונז "נחמו נחמו עמו".

### די שבתים אין גלות זענען אזוי דערהויבן פונקט ווי ווען די בית המקדש איז געשטאנען!

אין ספה"ק תפארת שלמה פרשת בחקותי ברענגט ער גאר א גרויסער טרייסט וועס דער אויבערשטער געבט פאר אידן. ער זאגט אז טראץ וואס דער בית המקדש איז ליידער חרוב געווארן און עס איז יעצט נישט דא קיין קרבנות, אבער עס איז דא די יחודים וואס געשעהן יעדן שבת און עס פעלט אונז גארנישט פון דעם וואס מיר זענען אין גלות און עס נישט דא קיין קרבנות. ער טייטשט מיט דעם די פסוק "את שבתותי תשמורו ומקדשי תראו" אויב אידן וועלן היטן דעם הייליגן שבת וועלן די השפעות קומען ווי גלייך די בית המקדש שטייט, און אלע יחודים וואס איז געווען בזמן שבית המקדש היה קיים וועלן נמשך ווערן אויך היינטיגע צייטן. אין א געוויסער זין זענען נאך די יחודים פון די שבתים אין גלות שטערקער ווי די יחודים בזמן שבית המקדש היה קיים. די פשוט'ע וואכנדיגע טעג אין גלות זענען דאך אזוי נידעריג און שוואך און די יחודים זענען נישט ווי עס דארף צו זיין, וממילא שבת קודש איז יתרון האור מן החושך און די יחודים קומען נאך שטערקער ווי בזמן שבית המקדש היה קיים כדי משלים צו זיין דאס וואס פעלט אונז א גאנצע וואך. מיר זאגן ביי "רצה והחליצנו" שבת ביים בענטשן "שלא תהא צרה ויגון ואנחה ביום מנוחתנו, והראנו ה' אלקינו בנחמת ציון עירך", טייטשט ער אז אויב מיר וועלן היטן די שבתים בשמחה וטוב לבב וועט דאס זיין ווי גלייך מיר האלטן יעצט ביי ציון בבנינו און די יחודים וועלן זיין פונקט ווי בזמן שבית המקדש היה קיים.

דער תפארת שלמה טייטשט מיט דעם אויבנדערמאנטער געדאנק די פסוק אין פרשת בחקותי "אז תרצה הארץ את שבתותיה וגו' כל ימי השמה תשבת את אשר לא שבתה בשבתותיכם בשבתכם עליה", אין גלות וועלן זיין דערהויבענע שבתים אויף אזעלכע הויכע מדריגות צו וועלכע אידן האבן נישט זוכה געווען בזמן שבית המקדש היה קיים. דאס איז א געוואלדיגער חיזוק פאר אידישע קינדער וועלכע זענען פארטריבן געווארן אין גלות, און תשעה באב האבן אידן אזוי ביטער געקלאגט אויפן חורבן בית המקדש. אויף אזוי פיל האבן מיר אבער שבת נחמו א חיזוק, אז די שבתים זענען אונז מנחם אז מיר קענען אין די שבתים אין גלות דערהויבן ווערן אזוי ווי בזמן שבית המקדש היה קיים.

### געהאלפן געווארן בזכות שבת קודש און בזכות לויבן דעם אויבערשטער

עס האט מיר דערציילט א איד פון ארץ ישראל: פאר מיין פרנסה בין איך א קאנטרעקטער, איך ארבעט טאקע שווער אבער ברוך השם פאר דעם. לעצטענס האב איך אנגענומען א גרעסערע קאנסטראקשען דזשאב (JOB) וועלכע האט געפאדערט אסאך און שווערע ארבעט און בתוכם האב איך געדארפט שלעפן שווערע העלצער, איך האב געשפירט אז איך האב נישט די כח און נישט די צייט דאס צו טון אליינס. איך האב אויפגענומען אן ארבעטער וועלכע זאל מיך העלפן מיט די שווערע ארבייט, און כמעט א דריטל פון מיין הכנסה פון דעם דזשאב איז געגאנגען צו באצאלן דעם ארבעטער, אבער איך האב נישט געהאט קיין אנדערע ברירה און עס האט זיך מיר נאכאלס געלוינט. ברוך השם אז די ארבייט איז געפארן שנעל און געשמירט און די זאך האט זיך זייער שיין אויסגעארבעט, אבער איין דאנערשטאג נאכט שוין גאנץ נאנט צום שלוס פונעם דזשאב האט מיך מיין ארבעטער אנגערופן און מודיע געווען אז פון קומענדיגער וואך מאנטאג וועט ער שוין מער נישט קענען אריינקומען ארבעטן פאר מיך. דאס איז פאר מיר געווען ווי א דינער אינמיטן העלן טאג ווייל איך האב בשום אופן נישט געקענט ארבעטן אליינס אן אים, און איך האב נישט געקענט אפלאזן דעם דזשאב יעצט שוין כמעט איידערן ענדיגן.

איך האב געמאכט א חשבון און עס איז מיר אויסגעקומען אז אויב וויל איך אליינס צוענדיגן דעם דזשאב וועל איך דארפן אנהייבן ארבעטן יעדן טאג אכט אזייגער אינדערפרי און ענדיגן ארבעטן צוויי אזייגער ביינאכט, און דאס וועט מוזן אנהאלטן א שיינע תקופה און מיינע כוחות וועלן דאס זיכער נישט דערהייבן. איך בין געווארן זייער צובראכן פון די מעשה און איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון. איך האב אבער אפגעמאכט ביי מיר אין הארץ אז יעצט איז דאך דאנערשטאג ביינאכט און מארגן איז שבת קודש, שבת וועל איך נישט טראכטן פון די מעשה נאר איך וועל אפרעכטן דעם שבת בשמחה וטוב לבב. שבת איז טאקע ברוך השם געווען זייער דערהויבן און לעכטיג, און איך האב בכלל נישט געטראכט פון די מעשה וואס ווארט מיך אפ זונטאג.

זונטאג פארטאגס האב איך געלערנט מיט מיין קביעות'דיגער חברותא און ער האט געזעהן אויף מיין פנים אז איך בין זייער באזארגט, און ער האט מיך געפרעגט "וואס איז געשען מיט דיר פארוואס ביסטו אזוי צוטראגן?" איך האב אים מסביר געווען אז איך האלט טיף אינמיטן א שווערע גרעסערע ארבעט און איך האלט שוין נאנט צום ענדיגן דעם דזשאב, און דאנערשטאג נאכט האט זיך מיין ארבעטער פלוצלונג אפגעזאגט. איך האב אים אויסגערעכנט מיין חשבון אז איך וועל מוזן אליינס ענדיגן דעם דזשאב צו די אפגעשמועסטע צייט, און אויב וויל איך דאס אליינס צוענדיגן וועל איך מוזן אויפבלייבן ביז צוויי אזייגער ביינאכט און איך האב נישט קיין כח. מיין חברותא האט זייער רחמנות געהאט אויף מיר און ער האט מיך געוואלט העלפן. ער פרעגט מיך "ווער האט דיר געזאגט אז דו האסט נישט קיין כח צו ארבעטן אליינס ביז צוויי אזייגער ביינאכט אפשר קענסטו יא? פראביר עס אויס אפשר קענסטו יא אליינס באווייזן די ארבעט. און נאך דערצו האסטו דאך א דריטל פון דיינע פארדינסטן געמוזט אוועקגעבן פאר דיין ארבייטער, אבער אזוי וועסטו פארדינען דאס גאנצע געלט פאר דיר אליינס." זיינע ווערטער האבן געמאכט א גוטן רושם אויף מיר, און בפרט אז איך האב געהאט חובות פון איבער צוואנציג טויזענט שקלים, און איך האב געטראכט אז אויב וועל איך טאקע נישט דארפן אוועקגעבן א דריטל פון מיינע פארדינסטן וועל איך שנעלער קענען אפצאלן מיינע חובות.

דעם קומענדיגן אינדערפרי האב איך מיך מיט א פרישקייט גענומען צו די עבודה טראכטנדיג אז איך וועל אויספראבירן צו ארבעטן ביז צוויי אזייגער ביינאכט, און איך וועל שוין זען וויאזוי דאס וועט זיך אויסארבעטן און אויב איך האב כח. איך האב טאקע אפגעארבעט איינער אליינס ביז שפעט ביינאכט, און ברוך השם עס איז אדורך, עס טאקע נישט גרינג געווען אבער איך האב מיך אן עצה געגעבן. אזוי איז אדורך אפאר טעג ארבעטענדיג אליינס שווער ביז שפעט ביינאכט און ברוך השם איך האב מיך צוגעוואוינט צו די ארבעט, און ברוך השם אז איך בין געבליבן מיט מיינע גאנצע פארדינסטן.

איך האב געהאט צוואנציג טויזענט שקלים חובות, זיבן טויזענט בין איך געווען שולדיג פאר מיין שוואגער און דרייצן טויזענט בין איך געווען שולדיג פאר א חבר. איך האב מיך פארבונדן מיט מיין שוואגער און איך האב אים דערציילט אז איך פארדין שוין היינט מיט א דריטל מער ווי אין די פארגאנגענהייט, און איך האב אים געפרעגט אויב ער איז מסכים מיך צו פארבארגן די דרייצן טויזענט וואס איך בין שולדיג פאר מיין חבר און איך זאל אים זיין שולדיג די גאנצע צוואנציג טויזענט, און איך וועל אים יעדן חודש באצאלן א טויזענטער. מיין שוואגער האט מיך אויסגעהערט און געטראכט אפאר מינוט, און נאכדעם האט ער מיך געענטפערט "איך וועל דאס איבערטראכטן און איך וועל דיר ענטפערן." אזוי איז אריבער אויף מיר א גאנצע וואך פון ארבעטן שווער און אליינס, אבער איך האב שענער פארדינט.

איך בין מיך נוהג צו דאווענען פרי פרייטאג צונאכטס (EARLY שבת). ערב שבת האב איך מיך צוגעגרייט צום הייליגן שבת, און ווען עס איז שוין געקומען די צייט האב איך מיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צום בית המדרש צום דאווענען, און בערך דעמאלס האט מיין פרוי געצינדן די נרות שבת. גייענדיג אויפן וועג צום שול האב איך באגעגנט מיין שוואגער וועלכע פלעגט דאווענען שפעטער פרייטאג צו נאכטס, און ער איז נאך געווען וואכענדיג אנגעטון. ער קומט צו צו מיר און זאגט מיר "דו ווייסט וואס, איך האב מיך איבערגעקלערט און איך האב באשלאסן אז איך נעם אויף מיר דיין גאנצער חוב און נאך שבת וועל איך דיר ברענגען די דרייצן טויזענט שקלים, און דו ביסט פטור פונעם חוב." איך האב אים געדאנקט פון טיפן הארצן פאר דער געוואלדיגער חסד וואס ער גרייט זיך צו טון מיט מיר, און מיט א שמחה בין איך געגאנגען דאווענען און לויבן דעם אויבערשטער אויף אלע זיינע חסדים ורחמים וואס ער האט געטון מיט מיר.

איך בין אהיימגעקומען נאכן דאווענען און מיט א שמחה האב איך דערציילט פאר מיין פרוי אז אויפן וועג צום בית המדרש האב איך באגעגענט דעם שוואגער און ער איז מסכים איבער צונעמען דעם גאנצן חוב אויף זיך. מיין פרוי האט מיט התרגשות מיך געענטפערט "בשעת דו ביסט געגאנגען אויפן וועג צום בית המדרש האב איך געצינדן שבת לעכט, און איך האב געלויבט דעם אויבערשטער אויף אלעס וואס ער האט אונז געגעבן און אפילו אויף די חובות. איך האב געזאגט 'הייליגער באשעפער איך דאנק דיר אויף די חובות אין וועלכע דו האסט געפירט מיר זאלן זיך געפינען, און איך בין זיכער אז דאס איז פאר אונז א טובה.' יעצט

הער איך פון דיר אז פונקט בשעת איך האב גגלויבט אויף די חובות האט דער אויבערשטער געהאלפן אז די נושא פון די חובות איז מסודר געווארן בזכות שבת קודש און בזכות לויבן דעם אויבערשטער!"

### געהאלפן געווארן בזכות פון הרה"ק ישעי' ב"ר משה זי"ע מקערעסטיר

איך האב היינט מיטגעהאלטן א מורא'דיגער מעשה אין בית המדרש. איך האב געטראפן א איד אין בית המדרש און איך האב געזעהן אז ער איז זייער דערשראקן, און איך האב אים געפרעגט "וואס איז דיר געשעהן?" ער האט מיר געענטפערט "איך האב היינט א קאורט קעיס וועגן א טיקעט מיט פוינטס אויף מיין לייסענס, און איך האב מורא אז איך גיי פארלירן דעם קאורט קעיס און דאס גייט מיר אפקאסטן גרעסערע געלטער." איך האב געזאגט פאר דעם איד "איך האב אינדערהיים א בילד פון הרה"ק ישעי'לע קערעסטירער זי"ע און איך א קאפי פון א קמיעה פון ר' ישעי'לע זי"ע, איך וועל דיר דאס ברענגען. נעם דאס מיט צום געריכט און האלט דאס אין דיין האנט בשעת דו שטייסט פארן ריכטער, און מאך זיכער אז דער ריכטער זעט די בילד מיטן קמיעה." ער האט זיך געקווענקלט אין מיינע ווערטער, אבער ער האט נישט געהאט וואס צו דערלייגן און ער האט גענומען ביי מיר דעם בילד מיטן קמיעה. איך האב אים געטראפן שפעטער אין טאג און איך האב געפרעגט "נו מה נעשה בדינך?", האט ער מיר געענטפערט "הפלא ופלא! איך האב נישט באקומען קיין פאוינטס אויף מיין לייסענס, און אפילו די געלט שטראף האב איך בלויז געדארפט באצאלן העלפט פון די ארגינעלער קנס!"

על כל פנים מען זעהט פון די אלע זאכן די גרויסקייט פון שבת קודש און די גרויסקייט פון לויבן דעם אויבערשטער און די גרויסקייט פון אמונת צדיקים!

# דער מלאך המות האט נישט געהאט קיין שליטה אויף אים ווילאנג ער האט נישט מסיים געווען ש"ס

### מען באקומט שכר אויף די וועלט פארן מקיים זיין די מצות מיט א שמחה

טייערע אידן! פרשת ואתחנן ענדיגט זיך אז היום לעשותם, און חז"ל דרשנן 'ומחר לקבל שכרם', דאס מיינט אז מען באקומט נישט קיין שכר פארן מקיים זיין מצות אויף די וועלט, שטעלט זיך די קושיא אויב אזוי ווי אזוי קען זיין אז די וואך הייבט זיך אן די פרשה והיה עקב תשמעון און די פסוק רעכנט אויס שכר וואס אידן וועלן באקומען פארן היטן די מצוות? דער הייליגער חיד"א פרעגט די קושיא און ער ענטפערט פארשידענע תירוצים, און איינע פון די תירוצים ענטפערט ער אז טאקע פאר די עצם קיום המצוות איז נישט דא קיין שכר אויף די וועלט אבער פארן זיך פרייען מיטן מקיים זיין די מצוות איז יא דא שכר אויך אויף די וועלט. דער חיד"א טייטשט מיט דעם די פסוק "והיה עקב תשמעון", והיה איז א לשון שמחה אז מיט די שמחה וואס מען פריידט זיך ביים מקיים זיין די מצוות וועט ער זוכה זיין צו ואהבך וברכך, אבער אויף די קיום המצוות אליינס איז נישט דא קיין שכר אויף די וועלט.

### מען באקומט שכר פארן טאנצן ביי א חתונה און משמח זיין די חתן וכלה

איך האב אמאל געטראכט אז מען קען טייטשן "והיה עקב תשמעון", עקב איז דאך די פוס אזוי ווי רש"י איז מסביר אז דאס זענען די לייכטע מצוות וואס א מענטש טרעט אויף דעם מיט די פוס, דאס איז מרמז אויף ווען מען טאנצט ביי א חתונה און מען איז מקיים די מצוה פון משמח זיין חתן וכלה. "והיה" אויב ביי א שמחה "עקב תשמעון" וועט מען הערן ווי א איד טאנצט מיט די פוס משמח צו זיין חתן וכלה, וועט מען באקומען שכר פאר די טאנצן.

### ווען א מענטש נעמט זיך אינטער צו מקיים זיין א לענגערע מצוה העלפט אים דער אויבערשטער אז ער דערלעבט צו ענדיגן מקיים זיין די גאנצע מצוה

די משנה זאגט אין אבות "שכר מצוה מצוה", דאס מיינט אז די מצוה אליינס קען אסאך מאל זיין די שכר פארן מקיים זיין די מצוה. אין ספר מאור החיים פון די תלמידים פונעם אור החיים הקדוש ברענגען זיי א מעשה ביי די פרשה פון ספירה. רבי שמעון בן חלפתא האט אמאל געטראפן דעם מלאך המות, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל אים אויסזאגן ווען ער גייט נסתלק ווערן פון די וועלט. דער מלאך המות האט אים געענטפערט "איך בין נישט שולט אויף דיר און אויף מענטשן וועלכע זענען ענדליך צו דיר, ווייל דער אויבערשטער וויל ענקער מצוות און מעשים טובים, יראת השם תוסיף ימים!" מיט דעם יסוד אז יראת השם תוסיף ימים האט דער אור החיים הקדוש פארענטפערט א קושיא וואס מען פרעגט ביי מצוות ספירת העומר. עס זענען דא פוסקים וואס האלטן אז אלע ניין און פערציג ימי הספירה איז איין לאנגע מצוה, אויב אזוי וויאזוי קען א מענטש מאכן א ברכה אויף מצוות ספירת העומר אפשר וועט ער חלילה נפטר ווערן איידער ער וועט ענדיגן די גאנצע ניין און פערציג טעג? דער אור החיים הקדוש איז מסביר אז ווען א מענטש נעמט זיך אינטער א לאנגע מצוה, העלפט אים דער אויבערשטער און ער האט די זכיה צו ענדיגן דעם גאנצן מצוה ווייל יראת השם תוסיף ימים. ווען א מענטש נעמט זיך אינטער צו ציילן ספירה גאנצע ניין און פערציג טעג אזוי ווי די תורה האט באפוילן, העלפט אים דער אויבערשטער און ער וועט דערלעבן מקיים צו זיין די גאנצע מצוה פון ספירת העומר, ווייל יראת השם תוסיף ימים.

### דער מלאך המות האט נישט געהאט קיין שליטה אויף אים ווילאנג ער האט נישט מסיים געווען ש"ס

דא אין סקווירא האט געוואוינט א חשוב'ער איד הרה"ח ישראל דאנציגער ז"ל, און ער האט געלערנט דף היומי מיט א שטארקע קביעות. זיין מגיד שיעור האט פארגעלערנט דעם שיעור

מיט א אויסטעלישע קלארקייט און געלאסענקייט, און זיין שיעור האט מסיים געווען ש"ס מיט א יאר שפעטער ווי דער געהעריגער סדר פון דף היומי. איך האב מיך משתתף געווען ביים סיום הש"ס פון זיין שיעור, און ממש צומארגנס פון די סיום הש"ס פון זיין שיעור איז ער צוזאמענגעפאלן, עס האט אויסגעזעהן ווי דער מלאך המות האט אויף אים נישט געהאט קיין שליטה ווילאנג ער האט נאך געהאלטן אינמיטן דעם סדר פון ש"ס וועלכע ער האט זיך אינטערגענומען מסיים צו זיין.

## דעם חוב במשך לאנגע דרייסיג יאר

אין בני ברק האט געוואוינט א רייכער איד וועלכע האט ליב געהאט צו טוהן מצות און גמילות חסדים מיט זיין געלט, און ער איז געווען א אדרעס צו פארבארגן געלט פאר אידן. איינמאל האט זיך א איד געוואנדן צו אים און אים געבעטן א הלוואה, דער עושר האט אבער נישט געקענט דעם איד פערזענליך. דער עושר האט געוואלט מקיים זיין מיט אים די מצוה פון "אם כסף תלוה את עמי, אבער ער האט געוואלט וויסן אויב דער לוה איז אן ערליכער איד און אויב מען קען זיך פארלאזן אויף אים. ער איז צוגעגאנגען צו א חשוב'ער איד א תלמיד חכם און ער געפרעגט אויב ער קען דעם לוה און אויב ער איז אן ערליכער מענטש און מען קען אים געטרויען מיט א הלוואה, און דער תלמיד חכם האט געענטפערט אז ער קען יענעם און יענער איז אן ערליכער איד און מען קען אים געטרויען. דער עושר האט מסכים געווען צו פארבארגן די הלוואה פארן לוה, אבער נישט לאנג נאכן ערהאלטן די הלוואה האט דער לוה אינגאנצן אנגעזעצט און ער האט דערלייגט דאס גאנצע געלט און ער האט נישט געהאט קיין פרוטה צו באצאלן פאר דער מלוה.

דער מלוה איז געווארן זייער אויפגערעגט פון די אומפאראנטווארטליכקייט פונעם לוה, און ער איז אויך געווען זייער בייז אויפן תלמיד חכם אז צוליב זיין נישט ריכטיגע אינפארמאציע וואס ער האט געגעבן אויפן לוה האט ער יעצט שאדן געהאט אזעלכע גרויסע געלטער. דער מלוה איז אריבערגעגאנגען צום תלמיד חכם און אים פארגעהאלטן היתכן אז ער האט אים געגעבן נישט ריכטיגע אינפארמאציע אויפן לוה וועלכע האט אנגעזעצט מיטן גאנצן הלוואה, און ער האט געפאדערט אז דער תלמיד חכם זאל באצאלן דעם חוב אנשטאט דעם לוה. דער תלמיד חכם האט זיך געשפירט זייער שלעכט אז וועגן אים האט דער מלוה שאדן געהאט אזא גרויסער סכום, אבער ער האט גע'טענה'ט "איך האב נישט גע'חתמ'עט קיין ערבות פארן לוה, איך האב נאר געגעבן אינפארמאציע און איך בין נישט מחויב צו באצאלן." דער מלוה איז געווארן נאכמער פארווייטאגט אויפן תלמיד חכם פארן נישט וועלן נעמען די אחריות און באצאלן דעם חוב, און ער איז ארויס פונעם תלמיד חכם'ס שטוב בחרי אף און זייער אנגעווייטאגט.

דער תלמיד חכם איז אבער געווען זייער אן ערליכער איד, און ער האט געפילט זייער שלעכט אז וועגן זיין אינפארמאציע האט דער מלוה געהאט אזא גרויסע שאדן. ער האט אבער נאכמער מורא געהאט אז דער מלוה וועט שוין מער נישט וועלן פארבארגן קיין געלט פאר קיין אידן, ווייל עס וועט אים בלייבן אין מויל דעם זויער'ן טעם פון דעם הלוואה וואס ער האט יעצט דערלייגט. דער תלמיד חכם איז אריבערגעגאנגען צו הגאון הגדול הרב ארי'ה ליב שטיינימאן זצוק"ל, און ער האט אים דערציילט די גאנצע מעשה. ער האט מסביר געווען ווי שלעכט ער פילט זיך, און ער האט געפרעגט דעם צדיק וואס ער זאל דא טון. דער צדיק האט אים געענטפערט "דו ביסט טאקע נישט קיין ערוב און דו ביסט בכלל נישט מחויב צו באצאלן דעם חוב, אבער צוליב דיר האט דאך יענער שאדן געהאט, ממילא זאלסטו טוהן לפנים משורת הדין און נעם דיך אינטער יא צו באצאלן דעם חוב."

דער תלמיד חכם איז געווען א מגיד שיעור און ער האט גאנץ ווייניג פארדינט, אבער ער האט געפאלגט, און ער האט אנגערופן דעם מלוה און אים איינגעמאלדן אז ער איז גרייט אויסצוצאלן דעם חוב וואס וואס דער לוה האט אנגעזעצט. ער האט זיך געמאכט א חשבון וויפיל ער קען זיך ערלויבן צו אראפציפן יעדן חודש פון זיין מאגערער געהאלט צו באצאלן פארן מלוה, און זיי זענען געקומען צו אן אפמאך פון גאר א קליינע חודש'ליכער סכום וויפיל ער וועט באצאלן פארן מלוה. וויבאלד אז עס האט זיך געהאנדלט פון גאר א גרויסער סכום וואס דער לוה האט אנגעזעצט, איז אויסגעקומען אז עס וועט אים נעמען דרייסיג יאר צו ענדיגן אויסצאלן דעם גאנצן חוב.

דער תלמיד חכם האט טאקע געשיקט יעדן חודש דעם קליינעם סכום כדי צו אפצאלן דעם הלוואה, און ענדליך נאך לאנגע דרייסיג יאר ווען דער תלמיד חכם איז שוין געווען אן עלטערער איד האט ער געענדיגט אויסצאלן דעם חוב בשעה טובה ומוצלחת. די פלא איז געווען אז ממש געציילטע טעג נאכן ענדיגן אויסצאלן דעם חוב במשך דרייסיג יאר איז דער תלמיד חכם נפטר געווארן, און עס האט ממש אויסגעקוקט ווי פון הימל האט מען אים געהאלפן אז וויבאלד ער האט זיך אינטערגענומען א לענגערע מצוה האט מען אים געגעבן די געלעגנהייט צו ענדיגן דעם לאנגן מצוה וואס ער האט אנגעהויבן.

## הרה"ח שלמה ברויער ז"ל האט דערלעבט צו ענדיגן שרייבן און מגיה זיין די ספר תורה

דא אין סקווירא האט געוואוינט א חשוב'ער איד הרה"ח שלמה ברויער ז"ל א סופר סת"ם, און ער האט אנגעהויבן צו שרייבן א ספר תורה פאר זיך אליינס. דאס שרייבן האט זיך פארצויגן במשך לאנגע יארן, און אינמיטן שרייבן האט ער געכאפט א הארץ אטאקע ל"ע. נאך לאנגע יארן פון שרייבן האט ער זוכה געווען צו מסיים זיין דאס שרייבן דעם ספר תורה, און ער האט באשלאסן אז ער וויל מגיה זיין דעם ספר תורה. די טאג וואס ער האט געענדיגט מגיה זיין דעם ספר תורה האט ער מיט א שמחה איינגעמאלדן פאר זיין פרוי אז די ספר תורה איז שוין אינגאנצן פערטיג, און יענעם טאג האט ער צוריק געגעבן זיין נשמה צום אויבערשטער.

## הרה"ק מנשכיז זי"ע האט מבטיח געווען פאר הרה"ק משה מפשעווארסק זי"ע אז ער וועט דערלעבן צו ענדיגן שרייבן א ספר תורה פאר אים

הרה"ק משה מפשעווארסק זי"ע האט געשריבן ספרי תורה מיט העכערע כוונות בקדושה וטהרה און מיט יחודים. איינמאל האט הרה"ק איציקל מנשעכיז זי"ע געבעטן פון הרה"ק משה מפשעווארסק זי"ע אז ער זאל אים שרייבן א ספר תורה. הרה"ק משה

מפשעווארסק זי"ע האט געענטפערט פאר הרה"ק מנעשכיז זי"ע "איך בין שוין אלט, און איך האב מורא אז איך וועל נישט דערלעבן צו ענדיגן שרייבן דעם גאנצן ספר תורה. איך וויל נישט אז א צווייטער זאל ענדיגן שרייבן דעם ספר תורה, און אויך וויל איך נישט אז די ספר תורה זאל בלייבן נישט אינגאנצן געענדיגט." הרה"ק איציקל נעשכיזער זי"ע האט אבער זייער געוואלט האבן א ספר תורה וועלכע זאל געשריבן ווערן דורך הרה"ק מפשעווארסק זי"ע, און ער האט מבטיח געווען פאר הרה"ק משה מפשעווארסק זי"ע "איך זאג דיר צו אז דו וועסט לעבן ביז ווען דו וועסט ענדיגן שרייבן דעם גאנצן ספר תורה." אזוי איז טאקע געווען, הרה"ק משה מפשעווארסק זי"ע האט גאר לאנג מאריך ימים געווען ביז ווען ער האט געענדיגט שרייבן דעם גאנצן ספר תורה פאר הרה"ק איציקל נעשכיזער זי"ע.

מען זעהט פון די אלע מעשיות אז טאקע עס איז נישט דא קיין שכר פארן מקיים זיין א מצוה אויף די וועלט, אבער מען באקומט יא אויף אזוי פיל אט די שכר אז מען געבט דעם מענטש די געלעגענהייט און די אריכות ימים צו טוהן די מצות בשלימות.

### מען האט מזכיר געווען דעם איד געהאלפן צו ווערן מיט קינדער,

# אבער דער בעלזער רב זצ"ל האט געפרעגט "ער לייגט שוין תפילין?"

טייערע אידן! מיר האבן גערעדט אנפאנג וואך בענין אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא.

## שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, אבער צו די סגולות פון די מצות סגוליות איז מען יא זוכה אויף די וועלט

דער אור החיים הקדוש שרייבט אין עטליכע פלעצער אז א איד וועלכע איז זוכה צו אהבת השם, ער איז יא זוכה צו באקומען שכר אויף זיינע מצות אויך אויף די וועלט. דער אור החיים הקדוש שרייבט אין פרשת אחרי אז עס זענען דא מצות וועלכע זענען מצות סגוליות, עס זענען דא מצות וועלכע זענען א סגולה צו אריכות ימים למשל כיבוד אב ואם און שליח הקן, און עס זענען דא מצות וועלכע זענען א סגולה צו עשירות למשל מצות מעשר, און אזוי נאך און נאך. אויב איז מען מקיים די מצות סגוליות איז מען זוכה צו די סגולה - וועלכע איז א שכר פארן מקיים זיין די מצוה - אויף די וועלט. דער אויבערשטער האט אבער נישט געוואלט דערציילן פאר אידישע קינדער וועלכע מצות האבן סגולות, כדי אז מען זאל נישט עוסק זיין בלויז אין די מצוה אין וועמענס סגולה מען נויטיגט זיך יעצט, און די אנדערע מצות וועט מען זיך נישט אזוי שטארק איבערשטרענגען מקיים צו זיין. דער אויבערשטער האט בדוקא באהאלטן פון אונז די סגולות פון די מצות כדי מיר זאלן זיך שטארק משתדל זיין מקיים צו זיין אלע מצוות בלויז ווייל מיר ווילן מקיים זיין דעם רצון השם, און בדרך אגב וועלן מיר שוין אויך זוכה זיין צו די סגולות פון די מצות פון וועלכע מען איז שוין נהנה אויף די וועלט.

דער ענין פון מצות וועלכע האבן אין זיך א סגולה האט א שייכות מיט פרשת עקב, ווייל אין פרשת עקב רעדט די תורה איבער די שכר וואס מען וועט באקומען פארן מקיים זיין די לייכטע מצוות אויף וועלכע א מענטש טרעט מיט זיין פוס. דער רצון השם איז אז אידישע קינדער זאלן מקיים זיין אלע מצות סיי די לייכטע און סיי די שווערע, נישט צוליב די שכר און די סגולות וואס מען וועט באקומען פארן מקיים זיין די מצות, נאר מיר זאלן זיי מקיים זיין מיטן איינציגן כוונה צו מאכן א נחת רוח פארן גרויסער הייליגער באשעפער.

## מען האט מזכיר געווען דעם איד געהאלפן צו ווערן מיט קינדער, אבער דער בעלזער רב זצ"ל האט געפרעגט "ער לייגט שוין תפילין?"

עס האט דערציילט א איד ר' דוד: איך האב געהאלטן לאנגע יארן נאך מיין חתונה, און איך האב נאכנישט זוכה געווען צו קיין זרע של קיימא ל"ע. איך האב שטארק מתפלל געווען צום אויבערשטער און איך האב פרובירט צו גיין צו דאקטוירים, אבער מיין ישועה איז נאכנישט אנגעקומען. איך פלעג זיך כסדר מזכיר זיין ביים בעלזער רב זצ"ל אז איך זאל געהאלפן ווערן, און דער בעלזער רב זצ"ל פלעגט מיך אנוואונטשן. איינמאל ערב שבת האב איך מיך פארבונדן מיטן בעלזער רב'ס גבאי הרה"ח שלום פויגל ז"ל, און איך האב אים געבעטן אז ער זאל מיך מזכיר זיין ביים בעלזער רב במשך דעם שבת אז איך זאל שוין געהאלפן ווערן מיט קינדער. דער גבאי וועלכע האט זייער רחמנות געהאט אויף מיך און געוואלט אז איך זאל שוין טאקע געהאלפן ווערן האט מיך געענטפערט אז ער וועט זיך משתדל זיין צו מזכיר זיין די הזכרה במשך דעם שבת.

דער גבאי האט מיך טאקע אינזינען געהאט, און ער האט מיך מזכיר געווען פרייטאג צונאכטס ביים טיש בשעת דער רב זצ"ל האט געוואונטשן לחיים. דער רב זצ"ל האט אויסגעהערט דעם הזכרה, און ער האט געפרעגט דעם גבאי "ער לייגט שוין תפילין?" דער גבאי האט א פארוואנדערטער געענטפערט "א ודאי לייגט ער שוין תפילין, ער איז דאך א היימישער ערליכער איד!", אבער דער רב זצ"ל האט נישט געענטפערט אויפן גבאי'ס תשובה.

ביי מיטאג טיש האט דער גבאי מיך נאכאמאל מזכיר געווען ביי לחיים, און דער רב זצ"ל האט נאכאמאל איבערגעפרעגט דעם זעלבן שאלה "ער לייגט שוין תפילין?" דער גבאי וועלכע האט געקענט דעם רב זצ"ל'ס שפראך האט שוין פארשטאנען אז דער שאלה איז עפעס טיפער ווי סתם אויב ער לייגט שוין תפילין, און ער האט גארנישט געענטפערט אויפן רב'ס שאלה. ער האט אבער מחליט געווען אז ער גייט מיך נאכאמאל מזכיר זיין ביי סעודה שלישית ווייל דער רב זצ"ל האט מיך גארנישט אנגעוואונטשן, און ער האט געוואלט אז איך זאל כאטשיג באקומען א ברכה פונעם רב זצ"ל געהאלפן צו ווערן מיט קינדער.

ביי סעודה שלישית האט דער גבאי מיך נאכאמאל מזכיר געווען, און דער רב זצ"ל האט צום דריטן מאל איבערגעפרעגט דעם זעלבן שאלה "ער לייגט שוין תפילין?" דער גבאי האט שוין אויף אזוי פיל פארשטאנען אז עפעס טויג נישט מיט מיינע תפילין, און זעהט אויס אז די שאלה איבער די תפילין איז דעם רב'ס ענטפער אויף די הזכרה געהאלפן צו ווערן מיט קינדער. ער האט באשלאסן אז באלד זונטאג וועט ער מיך דערציילן איבער די שאלה וואס דער רב האט געפרעגט איבער מיינע תפילין, און ער וועט מיך מייעץ זיין צו בודק זיין די תפילין.

זונטאג אינדערפרי האט דער גבאי זיך פארבונדן מיט מיר און ער האט מיר דערציילט דברים כהוייתן, און ער האט מיך מייעץ געווען אז איך זאל זיך בודק זיין מיינע תפילין. ער האט מיך צוגעלייגט אז עס זעהט אים אויס אז די נישט האבן קינדער האט עפעס צוטוהן מיט מיינע תפילין. איך האב אנגענומען דעם גבאי'ס עצה און איך האב געגעבן מיינע תפילין בודק צו זיין, און צו מיין וויטאג און באדויער זענען די תפילין געווען פסול וויל עס האבן געפעלט די ווערטער "וימי בניכם"!! איך האב מיך באלד געלאזט שרייבן נייע פרשיות פאר די תפילין, און דער אויבערשטער האט מיך געהאלפן אז א יאר שפעטער בין איך געהאלפן געווארן מיט א קינד למזל טוב!

## איך און מיין זיידע און עלטער זיידע און די הונדערטע מסירות נפש אידן אינעם לאגער האבן קיינמאל נישט מקיים געווען מצות תפילין?

איך בין טאקע געהאלפן געווארן מיט קינדער צו מיין שמחה און התרגשות, אבער פון ווען איך האב אנדעקט אז די תפילין זענען געווען פסול האט מיך געשוועבט א וואלקן פון וויטאג אויף מיין קאפ. איך האב מיך געמאכט א חשבון אז אויב עס האבן געפעלט ווערטער פון די פרשיות, קומט דאך אויס אז די תפילין זענען קיינמאל נישט געווען כשר. די תפילין האב איך באקומען לכבוד מיין בר מצוה נאך אינדערהיים פאר'ן קריג, און דאס איז געווען חשוב'ע ירושה תפילין וועלכע מיין זיידע און עלטער זיידע האבן נאך געלייגט. די תפילין האט איך מיטגענומען מיט מיך ווען איך בין געווען פארשקלאפט אין די לאגערן ביים ביטערן צווייטן וועלט מלחמה, און מיט מסירות נפש האט איך געלייגט תפילין איינשטעלנדיג דאס לעבן פארן טוהן אזא זאך. די תפילין האבן הונדערטע אידן געבארגט פון מיך אין לאגער און זיך מוסר נפש געווען צו לייגן די תפילין, וויל אויב וואלטן די דייטשן ימ"ש געכאפט אידן לייגן תפילין וואלטן זיי געקענט אומברענגען די אלע וועלכע האבן געלייגט די תפילין און דעם בעל הבית פון די תפילין. עס האט מיך זייער וויי געטוהן אז מיין זיידע און מיין עלטער זיידע האבן קיינמאל נישט זוכה געווען צו לייגן תפילין במשך כל ימי חייהם, און אויך האט מיך וויי געטוהן אז איך אליינס האב פון מיין בר מצוה ביז יענעם טאג נישט געלייגט קיין תפילין. עס האט מיך וויי געטוהן אז הונדערטע אידן האבן איינגעשטעלט זייער לעבן ביים קריג מקיים צו זיין מצות תפילין, און יעצט שטעלט זיך ארויס אז זיי האבן ניטאמאל מקיים געווען מצות תפילין.

איך האב מיך דערמאנט אז נאנט צום ענדע פון די מלחמה האב איך געהאט עפעס אן ארבעט אינעם לאגער וועלכע האט מיך ערלויבט אביסל מער פרייהייט פון אלע אנדערע אידן. איך בין יעדן טאג ארויסגעפארן ארבעטן אינדרויסן פון די לאגער, און איך האב מיך גרינג געקענט ארויסכאפן פון די פלאץ ווי איך האב געארבעט, און ממילא האט איך גרינג געקענט טרעפן תפילין און אנדערע אידישע זאכן. די אנדערע אידן וועלכע זענען געבליבן ארבעטן אינעם לאגער זענען געווען מער איינגעצוימט און באגרעניצט, און זיי האבן מיך געבעטן אז איך זאל זיי איבערלאזן די תפילין אינעם לאגער כדי אז זיי זאלן האבן מער צייט און געלעגנהייטן זיך אוועקצושארן פון די ארבעט און לייגן תפילין. איך האב מסכים געווען צו איבערלאזן די תפילין אין לאגער, וויל פאר מיר איז טאקע נישט שווער געווען זיך צו אוועק גנב'ענען פון די ארבעט און טרעפן תפילין. פון דעמאלט און ווייטער האב איך איבערגעלאזט די תפילין אין לאגער, און איך האב געטראפן תפילין אינדרויסן פון לאגער וועלכע איך האב געלייגט יעדן טאג.

איין טאג האט מען מיך פלוצלונג אינמיטן די ארבעט אריבערגעפירט צו אן אנדערן לאגער אין וועלכע איך בין שוין פארבליבן ארבעטן ביז נאכן קריג, און מען האט מיך נישט געגעבן די געלעגנהייט צו נעמען מיינע פאר חפצים וועלכע זענען געבליבן אינעם ערשטן לאגער.

די פשוט'ע חפצים האט מיך נישט אזוי וויי געטוהן אז איך קען זיי נישט האבן, אבער עס האט מיך וויי געטוהן אז איך האט איבערגעלאזט די תפילין אין די לאגער וואו איך האב מיך אויפגעהאלטן ביז דעמאלט, און ווער ווייסט אויב אין דעם צווייטן לאגער וועט איך טרעפן תפילין. איך האב מיך אבער געטרייסט אז כאטשיג וואס איך אליינס קען יעצט טאקע נישט לייגן קיין תפילין, אבער הונדערטע אנדערע אידן וועלכע זענען פארבליבן אין יענעם לאגער וועלן אין מיין זכות קענען מקיים זיין מצות הנחת תפילין יעדן טאג.

נאכן קריג האט איך מיך ארום געוואלגערט פון איין פלאץ צום אנדערן, ביז איך בין בסייעתא דשמיא אנגעקומען קיין ארץ ישראל. נישט לאנג נאכן ארויפקומען קיין ארץ ישראל האט איך מיך געטראפן מיט א איד מיט וועמען איך בין אינאיינעם געווען אין דעם ערשטן לאגער. יענער האט זיך זייער געפרייט מיך צו טרעפן וויל ער האט נאך געהאט מיינע תפילין וועלכע איך האב איבערגעלאזט אינעם ערשטן לאגער, און ער האט מיך צוריק געגעבן מיינע תפילין. איך האב מיך אזוי געפרייט אז נאך אזא ביטערן חורבן האב איך מיך זוכה געווען צוריק צו פאראייניגן מיט מיינע באליבטע תפילין פון וועלכע איך האב מיך שוין פון לאנג געהאט מייאש געווען!!

נאכן זיך דערמאנען די גאנצע השתלשלות וואס עס איז געשעהן מיט די תפילין ביים קריג האב איך מחליט געווען אז איך וועל אריבערפארן צו דעם איד וועלכע האט מיך צוריקגעגעבן די תפילין אין ארץ ישראל נאכן קריג, און איך וועל מיך אויסרעדן צו אים איבער די ביטערע נייעס וואס איך בין נארוואס געוואויר געווארן אז די תפילין זענען קיינמאל נישט געווען כשר. איך בין אריבערגעפארן צו דעם איד, און איך האב מיך זייער שטארק אויסגערעדט צו אים אז די תפילין זענען קיינמאל נישט געווען כשר און איך האב פון בר מצוה נישט מקיים געווען מצוות תפילין, און מיין זיידע און עלטער זיידע פון וועמען איך האב באקומען בירושה די תפילין האבן אויך נישט מקיים געווען מצוות תפילין במשך כל ימי חייהם. אזוי אויך די אלע אידן וועלכע האבן זיך אין לאגער מוסר נפש געווען צו לייגן די תפילין האבן אויך נישט מקיים געווען מצות תפילין.

דער איד האט מיך אויסגעהערט און מיך געענטפערט, "אוי ווי! איך האב דיר פארגעסן צו דערציילן זייער א וויכטיגער זאך ווען איך האב דיר צוריק געגעבן דיינע תפילין. מיר האבן זיך מחיה געווען אין לאגער מיט דיינע תפילין, און יעדן טאג האבן מיר געשעפט חיות און רצון צו לעבן בזכות מצות הנחת תפילין וועלכע האט אין אונז אריינגעשיינט אזא כח און היילגקייט. איין טאג ממש סוף מלחמה האט איינע פון די אידן אינעם לאגער געהאלטן אינמיטן לייגן דיינע תפילין, און פלוצלונג אומגעראכטן האט אריינגעשטורעמט א דייטשע רשע און ער האט אים געכאפט רויטהאנטיג לייגן תפילין וועלכע איז געווען איינע פון די גרעסטע עבירות ביי די דייטשן. דער רשע האט זיך זייער אויפגערעגט און ער האט געכאפט עפעס א טשוואק, און ער האט דאס מיט א רציחה און א כעס אריינגעקנאקט אין די תפילין, די פרשיות זענען געלעכערט געווארן און די תפילין איז פסול געווארן.

מיר זענען געווארן זייער צובראכן פון דעם, ווייל די מצות תפילין יעדן אינדערפרי האט אין אונז אריינגעגעבן די כח צו אריבערשטופן די שווערע טעג דארטן אין לאגער וועלכע זענען געווען פול מיט יסורים און צרות. דער אויבערשטער האט אבער געהאלפן און ממש נישט לאנג שפעטער האבן די דייטשן דערליגט די מלחמה און מיר זענען באפרייט געווארן, און איך האב מיט מיך מיטגענומען דיינע תפילין און איך האב געהאפט אז דו האסט איבערגעלעבט די מלחמה און אז איך וועל דיר טרעפן און איך וועל דיר קענען צוריק געבן דיינע תפילין. דער אויבערשטער האט מיך געהאלפן, און נאך לאנגע חדשים און יארן פון זיך וואלגערן און וואנדערן פון איין פלאץ צום אנדערן האב איך זוכה געווען ארויפצוקומען קיין ארץ ישראל. דא אין ארץ ישראל בין איך געגאנגען צו א סופר און איך האב געקויפט נייע פרשיות פאר דיינע תפילין, ווייל איך האב געפיהלט שולדיג אז צוליב אונז זענען זיי פסול געווארן און איך האב געוואלט באצאלן דעם שאדן וועלכע דו האסט געהאט וועגן אונז. יעצט ווען דו האסט זיך אויסגערעדט צו מיר אז דו און דיינע זיידעס האבן במשך א גאנץ לעבן נישט געלייגט קיין תפילין האב איך מיר דערמאנט אז דאס זענען נישט דיינע ארגינעלע פרשיות, וממילא קענסטו זיין רואיג אז דו און דיינע זיידעס האבן יא מקיים געווען מצות תפילין א גאנץ לעבן!"

ר' דוד פירט אויס די מעשה: ווען איך האב געהערט אז די פסול'ע פרשיות זענען נישט די ארגינעלע בין איך ממש אויפגעשפרינגען פאר שמחה, און איך האב נישט געקענט גענוג דאנקן דעם אויבערשטער אויף דעם חסד אז איך און מיינע זיידעס האבן מקיים געווען מצות תפילין, און נאר די קורצע תקופה אין ארץ ישראל האב איך נישט מקיים געווען מצות תפילין. אויך האב איך געדאנקט דעם אויבערשטער אז די סגולה פון מצות תפילין "למען ירבו ימיכם וימי בניכם" איז מיך בייגעשטאנען, און בזכות די רוח הקודש פון דער בעלזער רב זצ"ל האב איך זוכה געווען צו זרע של קיימה און צו מקיים זיין מצות תפילין!

## די עירוב האט געראטעוועט!

עס האט דערציילט הרה"ג אברהם משה קצנלנבוגן שליט"א א רב אין ירושלים: איך בין א מומחה בעניני עירובין און איך בין דער רב המכשיר אויף די עירוב אין עטליכע שכונות אין ירושלים. איינמאל האב איך באקומען א טעלעפאון קאלל פון א איד וואס איז געווען א טישלער וועלכע האט געוואוינט אין א דערפל "שורש" וועלכע איז נעבן ירושלים, און ער האט מיך געבעטן אז איך זאל אריבערקומען ווי שנעלער פארריכטן די עירוב אינעם דערפל. עס זענען אין יענעם תקופה געווען עטליכע ריזיגע וואלד פייערן אין ארץ ישראל, און אויך אין יענעם דערפל איז געווען א מסוכן'דיגע שרעקליכע וואלד פייער. ביי זיי אין דערפל האט די פייער פארברענט גאר אסאך הייזער און ביזנעסער, און אויך האט עס געשעדיגט דעם עירוב. איך בין געווען זיכער אז עס רעדט זיך פון בני תורה אדער פון גאר ערליכע בעלי בתים וועלכע ווילן האבן א מהודר'דיגער עירוב, און איך האב אנגענומען די בקשה און מיר האבן אפגעשמועסט א צייט ווען איך וועל אריבערקומען צו זייער דארף זיך צו טרעפן מיט דעם טישלער און פארריכטן דעם עירוב דארטן.

צו די אפגעשמועסטע צייט איך בין ארפאגעפארן צום דערפל, און איך האב מיך געטראפן מיט דעם טישלער וועלכע האט מיך גערופן. איך האב געזעהן אז עס האנדלט זיך פון א פרייע דארף, און עס איז נישט דא צווישן זיי קיין איין שומר תורה ומצות. איך האב נישט באהאלטן מיין וואונדער און איך האב יענעם געפרעגט "זאג מיר, איך זע אז דאס איז א פרייע דארף, איז אפשר ביסטו מיך מסביר וואס עפעס ברענט ענק צו האבן א מהודר'דיגן עירוב?"

דער טישלער האט מיך געענטפערט: איך האב א גרויסער פארבריק דא אינעם דערפל פון וועלכע איך מאך גאר אסאך געלט, און ווען דער וואלד פייער האט געפלאקערט דא אינעם דערפל האט זיך עס אויך דערנענטערט צו מיין פארבריק. עס האט אויסגעזעהן אז עס איז א שאלה פון צייט ביז די בייזע ווילדע פלאמען וועלן איינשלינגען מיין גאנצן פארבריק און איר איבערדרייען צו א גרויסער הויפן אש, און אין מיין הארץ האב איך שוין געוויינט און זיך מייאש געווען פון מיין פארבריק און פון מיין פרנסה. מיינע חברים זענען שוין צוגעקומען צו מיר און מיך אנגעהויבן צו טרייסטן אויף מיין גרויסע שאדן וועלכע איך גיי האבן אין די קומענדיגע מינוטן, און די מצב איז געווארן אנגעצויגענער פון מינוט צו מינוט. למעשה האט זיך אבער די פייער וואונדערליך אפגעשטעלט ממש געציילטע פוס אוועק פון מיין פארבריק און עס האט נישט צוגערירט דערצו. דעמאלט בשעת די שריפה איז געווען זייער געדעכט און פארנעפלט מיט רויעך, און איך האב נישט גוט געקענט באטראכטן וואס איז דא פארגעגאנגען. ווען מען האט שוין געהאט פארלאשן דעם פייער און די לופט האט זיך שוין געהאט אויסגעקלארט בין איך אריבער צו מיין פארבריק און איך האב באטראכט וואס דא איז געשעהן, און איך האב באמערקט אז מיין פארבריק איז די ערשטע געביידע אינעם עירוב. איך האב געזעהן אז די פייער האט זיך אפגעשטעלט ממש פאר די עירוב, און אלע געביידעס וועלכע זענען געשטאנען אפאר פוס אוועק פון מיין פארבריק אבער אינדרויסן פון די עירוב זענען גענצליך פארברענט געווארן. זעהט אויס אז די זכות פון מצות עירוב איז בייגעשטאנען און מיין פארבריק איז געראטעוועט געווארן בזכות דעם עירוב. וויבאלד אז בזכות די עירוב בין איך ניצול געווארן פון אזא קאטעסטראפע, האב איך מיך אינטערגענומען צו באצאלן די הוצאות וויפיל עס דארף קאסטן צו פארריכטן דעם עירוב און איר מאכן מער מהודר'דיג."

איך האב געזאגט פאר דעם טישלער: "פיין איך וועל פארריכטן ענקער עירוב. איך זע אז אן

עירוב האבן ענק אבער שיעורי תורה האבן ענק נישט, און אויב איין מצוה פון עירוב האט אזוי שטארק מגין געווען אויף ענק, שטעל דיר שוין פאר אויב ענק וועלן לערנען שיעורי תורה און אנהייבן מקיים זיין אלע מצות אין די תורה וואספארא זכותים ענק וועלן דעמאלט האבן וועלכע וועלן מגין זין אויף ענק! די תורה איז מגין ומציל פאר די וועלכע לערנען איר, און אויב ענק וועלן קובע זיין עיתים לתורה וועלן ענק זיכער אפגעהיטן ווערן פון אלעם בייזן!"

מען זעהט פון די צוויי מעשיות אז די סגולות פון די מצות טוען ביישטיין אויך אויף די וועלט פאר די אידן וועלכע זענען זיי מקיים!

# סיפורי צדיקים

## 'לא ירבה לו סוסים'

די וואך איז פרשת שופטים, האב איך געזען א מעשה, ס'איז געווען א איד וואס האט באקומען די ארבעט צו בויען די שיפן פאר דער רוסישער צאר, ער האט געדארפט בויען א מלחמה שיף, און די בויערס האבן געזען אז דער איד איז דער קאנטראקטער, האבן זיי געמאכט א נישט גוטע דזשאב, זיי האבן געמאכט אסאך שאדן מיט די שיף, און נאכדעם האט מען גע'מסר'ט דער איד אז ער איז שולדיג, און דער הויפט פון די מיליטער איז געקומען, ער האט געזען, און געגלייבט אז די בויערס זענען גערעכט, און ער האט געבערענגט צום משפט א באשולדיגונג קעגן דער איד, איז דער איד געקומען צום הרה"ק דער בעל התניא, און געזאגט אז ער איז אין א גרויסע צרה, ווייל פאר אזא חטא קען מען אים חלילה געבן טויט-שטראף.

דער בעל התניא האט אים מייעץ געווען אז ער זאל גיין אויף די יריד פון די פערד, ער זאל קויפן די שטערקסטע פערד, און דערנאך זאל ער פארן וואו מ'פארקויפט וועגענער, און קויפן די בעסטע וואגן. דערנאך זאל ער פארן מיט די פערד און וואגן צו די שטאט פעטערבורג, און ער זאל דארט שפאצירן נעבן די פאלאץ פון דער קעניג, ביז דער קעניג וועט זען אז ס'איז דא איינער וואס פארט ארום מיט גוטע פערד, וועט ער שיקן זיין משרת קויפן פון דיר די פערד און וואגן, וועסטו זאגן אז דו געבסט עס נישט אוועק פאר קיין געלט אין דער וועלט, ביז מ'וועט דיר זאגן אז דאס איז פאר דער קייזער אליין, דעמאלס וועסטו אראפגיין, און זאגן אויב ס'איז פאר דער קייזער געב איך עס א מתנה.

דער איד האט אזוי געטון, ער האט געקויפט א שטארקע פערד מיט א שיינע וואגן, ער איז געפארן קיין פעטערבורג, און שפאצירט דארט מיט די פערד און וואגן קעגן דעם קייזער'ס פאלאץ, ביז דער קייזער האט געזען איינער שפאצירט מיט זייער גוטע פערד, איז עס אים געפאלן, און ער האט עס געוואלט קויפן, האט ער געשיקט איינער פון די משרתים זאל רעדן מיט דער בעל הבית, האט דער איד געזאגט אז ער פארקויפט עס נישט בשום אופן, ביז דער שליח האט געזאגט אז ער איז א שליח פון דער קעניג, און דער קעניג וויל עס קויפן, האט ער געזאגט אז ער געבט עס אוועק פאר א מתנה.

דער קייזער האט אלעס געזען, האט ער געשיקט דער שליח זאל פרעגן די נאמען פון דער מענטש, די נאמען פון זיין משפחה, און די נאמען פון זיין שטאט, און ער האט געגעבן די צעטל פאר דער קייזער, האט דער קייזער געזאגט אויף רוסיש: "וואט ג'י וואסקאיע מאראס אסמא סארופ סאקאפא", דאס מיינט אז דאס איז א פנים פון א איד, אז אפילו דעם קייזער אליין קען ער אויך משחד זיין.

דער קייזער האט געזען די נאמען פון דער איד און זיין משפחה נאמען, האט ער פארשטאנען אז דאס איז דער איד וואס איז דא אויף א גרויסע משפט אז ער האט געבויט די שיף נישט גוט, און זיין הארץ האט אים געזאגט אז ס'איז א פאלשע בלבול. האט ער געזאגט פאר די שופטים אז מ'זאל נישט משפט'ן דעם איד ביז ער וועט אליין אראפגיין זען מיט וועם איז דער אמת, מיט די בויערס, אדער מיט דער קאנטראקטער. איז ער טאקע נאכגעגאנגען, און ער האט געזען אז די חסרונות איז תלוי אין די בויערס, און ס'איז אראפגעגאנגען די שולד פון דער איד.

האט דער רב געזאגט, אז אין די תורה אין די וואכעדיגע פרשה האט ער געלערנט די עצה פאר דעם איד, ווייל די תורה זאגט פאר א קעניג 'לא ירבה לו סוסים', האט ער פארשטאנען אז אויב א מלך ישראל האט א תאוה צו סוסים, האט להבדיל א גוי זיכער די תאוה, אזוי האט ער אים משחד געווען.

## ר' ישראל שוסטערמאן פון זינקוב

אויך האב איך געזען א מעשה, אז ס'איז געווען א חסיד'ישער איד, ר' ישראל שוסטערמאן פון זינקוב. ער האט געשטאמט פון א חסיד'ישע משפחה, זיין טאטע און זיידע זענען כסדר געפארן צום ערשטן טשארטקובער רבי'ן, און ער פלעגט אויך פארן זיך מזכיר זיין. אין יענע צייט האט מען גוזר געווען אז יעדער בחור דארף גיין אין מיליטער, און ס'איז געווען א געוואלדיגע סכנה, סיי מצד די גשמיות, וואס רוב וואס זענען צוריקגעקומען זענען צוריקגעקומען מיט צעהאקטע איברים, און צעקלאפטע גופים. נאכמער איז געווען די סכנה פון רוחניות, מ'האט זיך געדארפט דרייען מיט גויים אלע יארן, און מענטשן האבן פארגעסן זייער אידישקייט, און זיי האבן אנגעפאנגען צו עסן טריפות.

ר׳ ישראל שוסטערמאן האט געהאט א זון ר׳ יעקב, וואס מ׳האט אים גערופן צו די מיליטער, און ער האט נישט געהאט א וועג וויאזוי זיך ארויסצודרייען, און ער האט נאכמער מורא געהאט, ווייל דארט אין זינקוב איז געווען געשטעלט א פריץ א גרויסער רשע, און ער פלעגט קיינעם נישט פטר׳ן פון די מיליטער.

אסאך אידן פלעגן זיך אפהאקן פינגערס, און מאכן א מום, כדי צו פטור ווערן פון מיליטער, און דער יעקב, דער זון פון ר׳ ישראל שוסטערמאן האט עס אויך געוואלט טון, אבער זיין טאטע האט געזאגט אז מ׳טאר עס נישט טון, מ׳דארף גיין צו דער טשארטקובער פרעגן אן עצה.

זענען זיי געפארן קיין טשארטקוב, און אין יענע טאג האט דער הייליגער טשארטקובער געזאגט אז מ׳נעמט קיינעם נישט אויף. דער טאטע איז געווען א שטארקער חסיד, האט ער זיך געבעטן ביים זון, דער צווייטער טשארטקובער ר׳ ישראל, אז ער וויל אריינגיין, זאל ער אריינגיין פרעגן דעם טאטן, ביז ער האט זיי אריינגעלאזט, און געזאגט אזוי: אין די תורה שטייט אז ווער מעג צוריקגיין פון די מלחמה, איינער וואס איז געווארן א חתן און ער האט נאכנישט חתונה געהאט, איינער וואס האט געבויט א הויז און ער האט עס נאכנישט מחנך געווען, איינער וואס האט איינגעפלאנצט א כרם און ער האט עס נאכנישט גענוצט, די מעגן צוריקגיין, און אויך איינער וואס איז הירא ורך הלבב.

האט ער געזאגט, אמאליגע דורות ווען אידן זענען ארויס צו א מלחמה זענען געווען אזעלכע וואס האבן זיך ארויסגעדרייט און זיי האבן נישט געהאט קיין איינע פון די תנאים, זיי זענען אנטלאפן, זיי זענען נישט מיטגעגאנגען מיט זייערע ברידערס צו די מלחמה, זיי דארפן עס יעצט אפדינען [ער האט געמיינט צו זאגן אז דער בחור איז א גלגול זעט אויס פון יענע יארן, ממילא זאל ער נישט מאכן קיין מום, נאר ער זאל גיין אין מיליטער], און ער האט אים געבענטשט אז ער זאל ווערן אפגעהיטן, און ער זאל חס ושלום נישט עסן קיין טריפות, און ער האט אים געוואונטשן לשלום, און אזוי איז טאקע געווען, ער איז ארויס אין מיליטער, און ער איז אהיים בשלום.

## י׳ אלול איז די יארצייט פון **הרה״ק ר׳ פינחס קאריצער זצוק״ל.**

ווען ר׳ פנחס קאריצער איז נאך געווען זייער יונג, האט ער אנגעפאנגען צו פירן, און ר׳ שמואל קאמינקער האט געוואלט זען צו ער איז ראוי צו נישט, איז ער געקומען צו אים אויף שבת, און ביי שחרית, ווען ר׳ פינחס קאריצער האט געזאגט הכל יודוך, האט ער זיך געשטעלט נעבן אים, און ער האט אויסגעהערט זיין דאווענען. נאכדעם האט ר׳ שמואל קאמינקער געזאגט אז בשעת ר׳ פינחס האט געזאגט הכל יודוך, האבן אלע ברואים אויף דער וועלט אנגעהויבן צו לויבן דעם אויבערשטן.

ר׳ פינחס קאריצער האט זיך אמאל געטראפן מיטן תולדות, און ער האט אים געפרעגט, וואס טוט דער קעניג מיט די קרוין בשעת ער טראגט עס נישט? האט דער תולדות געענטפערט, ער לייגט עס אויף א נאגל אין די וואנט. האט ר׳ פינחס קאריצער געפרעגט, אויב די קרוין איז אזוי חשוב אז נאר דער קעניג טראגט עס, איז בשעת ער טראגט עס נישט זאל ער עס לייגן אויף אן אנדערע חשוב׳ער מענטש, נישט סתם אויף א נאגל פון די וואנט?

דער תולדות האט גארנישט געענטפערט. האט ר׳ פינחס קאריצער געענטפערט, אז טאמער ער וועט לייגן די קרוין אויפן קאפ פון א שר, וועט זיך מיט דער צייט דער שר איינרעדן אז ער איז דער קעניג, אדער על כל פנים ער קען זיין דער קעניג, אבער טאמער טרעפט ער א מענטש וואס וועט נישט אזוי טראכטן, און ער ווייסט תמיד אז ער איז דער עבד נאמן, דעמאלס וואלט ער עס יא געקענט לייגן אויף אים.

האט ער געזאגט אז דאס איז די פשט ביי משה רבינו וואס ס׳שטייט ׳כי עבד נאמן קראת לו, כליל תפארת בראשו נתת לו׳, אז ווייל דער אויבערשטער האט געוואוסט אז משה רבינו איז אן עבד נאמן, וואס ער וועט קיינמאל נישט טראכטן אז ער איז דער קעניג, וועגן דעם האט ער ארויפגעלייגט די קרוין אויף אים.מיט די ווערטער האט ער געזאגט ״פארדעם האט דער הייליגער בעש״ט איבערגעגבן די קרוין פון הנהגה פארן גרויסן מגיד, ווייל ער איז געווען אין די בחינה.

## י׳ אלול די יארצייט פון **הרה״ק ר׳ איציק׳ל בוהושער זצוק״ל**

ווען ר׳ איציק׳ל בוהושער צוזאמען מיט אן אנדערע אייניקל פון רוזינער, זענען געווען אין די יונגע יארן אין קישינוב צוזאמען מיט דער רוזינער, האבן זיי זיך געשפילט אין הויף, איז צוגעקומען צו זיי א איד, וואס איז נישט געווען קיין חסיד, און ער האט זיי געפרעגט וועלכע מתנה ער זאל זיי קויפן? האבן זיי געענטפערט קליינע סידורים. האט ער זיי געברענגט קליינע סידורים פאר א מתנה, און ר׳ איציק׳ל בוהושער האט געבעטן, אז דער איד זאל ארויפשרייבן זיין נאמען אויף די סידור וואס ער האט זיי געגעבן.

האט דער איד געזאגט, וואס טראכסטו? איך וועל נאך זיין דיין חסיד? האט ר׳ איציק׳ל בוהושער געענטפערט, דו וועסט זיך נאך דארפן שטופן אריינצוקומען צו מיר.

יארן שפעטער, ווען ר׳ איציק׳ל בוהושער איז שוין געווען א גרויסער רבי, און ער האט באזוכט דאס ערשטע מאל אין קישינוב אויף שבת, איז די גאנצע שטאט געקומען מקבל שלום זיין, און דער מענטש וואס האט געהאט געגעבן די סידור פאר א מתנה איז נאכאלץ נישט געווען קיין חסיד, און ס׳איז אים נישט איינגעפאלן אז דער צדיק איז דער וואס איז געווען א קינד ווען ער האט אים געגעבן די מתנה, ער איז יעצט געווען אין א געפערליכע דרוק, און ער האט געוואלט אריינגיין צום צדיק פאר א ברכה, ער האט געזען ווי די הויז איז פול מיט מענטשן, האט ער מורא געהאט אז ער וועט נישט קענען צוקומען צום רבי׳ן, און ער איז געווען געפערליך געדריקט, האט ער נישט געווארט ביז זיין שורה, נאר ער איז אריינגעשפרינגען פונעם פענסטער אין די שטוב פון רבי׳ן.

ר׳ איציק׳ל בוהושער האט אים גלייך דערקענט, און ער פרעגט אים פארוואס האט ער געטון אזא זאך? האט ער געענטפערט, אינדרויסן האב איך זיך געשטופט, און איך האב געזען אז מיינע כוחות פארלירן

זיך, און מיין צרה איז אזוי גרויס, האב איך מורא געהאט אז איך וועל נישט זוכה זיין אריינצוקומען, בין איך אריינגעטאנצן פון פענסטער. האט זיך ר' איציק'ל בוהושער אויפגעשטעלט, צוגעגאנגען צו דעם שאנק, און ארויסגענומען דעם סידור וואס יענער מענטש האט אים געגעבן ווען ער איז נאך געווען קליין, ער האט אים געוויזן ווי זיין נאמען איז פארצייכנט דארט, און דער איד איז געווארן מורא'דיג נתרגש, און ער האט זיך דערמאנט די ווערטער וואס ר' איציק'ל בוהושער האט אים געזאגט אלס קינד, און פון דעמאלס איז ער געווארן א שטארקער בוהושער חסיד.

אויף א חסיד וואס האט אים אסאך געשטיצט, האט מען מעליל געווען אז ער טוט זאכן וואס זענען נישט ריכטיג צו טון, און ער איז נישט ווערד צו ווערן גערופן חסיד, אבער ר' איציק'ל בוהושער האט אים גארנישט געזאגט, ער האט אים כסדר געוואונטשן הצלחה, און ער איז טאקע געווען א איש מצליח. איינמאל איז ער געווען ביים רבי'ן, און ער האט געזאגט עפעס ווערטער וואס ער האט נישט געדארפט זאגן, האט ער געזאגט: "אפילו זיינע ווערטער זענען נישט קיין נחת רוח פארן אויבערשטן, אבער פארן רבי'ן וועט ער גיין אין פייער אריין".

## די מעשה מיטן דיבוק

די ווערטער וואס ער האט זיך ארויסגעדרוקט זענען זייער נישט געפאלן פאר ר' איציק'ל, האט ער אים פארציילט, אז אמאל זענען געווען צוויי חברים בעלי מח, זיי האבן גוט געלערנט, און דער שטן האט עס נישט אויסגעהאלטן, און ער האט געזוכט עצות וויאזוי ער קען זיי אוועקשטופן פון די דרך התורה, און זיי האבן אנגעפאנגען צו אראפפארן פון וועג, יעדער איינער איז געפארן אין אן אנדערע וועג, דער ערשטער האט מורא'דיג מצליח געווען אין גשמיות, ביז ער איז געווארן א פריץ, ער האט געהאט פעלדער און וועלדער, און ער איז געווארן א גרויסער רשע, און ער האט נישט געהאט קיין שום שייכות מיט אידן.

איין טאג איז ער געפארן מיט די וואגן אין זיין וואלד, און ער האט געזען ווי א מענטש ליגט אויף די ערד, איז ער צוגעגאנגען און געזען אז יענער לעבט נאך, האט ער רחמנות געהאט אויף אים, און ער האט געהייסן דער בעל עגלה זאל אים ארויפנעמען אויף די וואגן. ער האט אנגעהויבן צו מאכן מיט אים רפואות, ביז ער האט זיך אויפגעכאפט און אויפגעלעבט.

נעבן דער וואלד איז געווען א איד וואס האט געהאט א געשעפט, האט ער געהייסן דער בעל עגלה זאל נעמען דעם חולה און טראגן צו דער איד, און ער זאל באצאלן בריוח פאר דעם איד, ער זאל אים האלטן ביז ער ווערט געזונט, און נאכדעם זאל ער אים זאגן אז ער מעג גיין וואו ער וויל, און אלעס איפן חשבון פון דער פריץ.

ווען דער פריץ טוט נישט די השתדלות וואלט דער איד שוין נישט געלעבט, און למעשה איז יענער טאקע געזונט געווארן.

נאכדעם וואס ער האט געטון די מצוה איז נתעורר געווארן אין אים א געוואלדיגע יצר טוב, ער האט זיך אנגעפאנגען צו דערמאנען די פריערדיגע צייטן וואס ער איז געווען א שומר תורה ומצוות, און ער האט שוין נישט געקענט מער בלייבן דארט וואו ער איז געווען, ער האט אנגעפאנגען מורא'דיג חרטה צו האבן אויף זיינע עבירות, ביז ער האט מחליט געווען אז ער וועט גיין צו דער רב וואס איז געווען אן אדם גדול, און ער האט אים אלעס פארציילט.

קודם האט אים דער רב פראבירט אוועקצושטופן, ווייל ער האט געוואוסט אז ער איז א גרויסער רשע, אבער ער האט אנגעהויבן וויינען, האט דער רב געזען אז ס'איז אמת, האט ער אים געגעבן א דרך תשובה, און ער האט אים געשיקט צו אן אנדערע רב פון א ווייטערע שטאט. ער האט פארקויפט זיין גאנצע פארמעגן, און אהינגעמופט. במשך הזמן איז ער געווארן זייער גרויס בצדקות ובגאונות, און ער האט זיך כסדר אויפגעהאלטן ביי יענער רב, און פאר דער רב איז אוועק פון דער וועלט האט ער געהייסן אז מ'זאל אויפנעמען דעם איד, וואס איז געווארן זייער א שטארקער בעל תשובה, אלס רב.

במשך הזמן האט זיך געמאכט אז א דיבוק איז אריין אין א יונגערמאן, און די שטאט-מענטשן האט געוואוסט אז דער רב איז א גרויסער צדיק, זענען זיי געקומען בעטן ער זאל טון א טובה פאר דער יונגערמאן, און פראבירן ארויסנעמען דעם דיבוק. קודם האט דער רב נישט געוואלט, אבער נאכדעם וואס מ'האט אים שטארק מפציר געווען, האט ער צאמגענומען דעם עולם. מ'האט געברענגט דעם יונגערמאן, און מ'האט געזאגט תהלים מיט פארשידענע פסוקים, און ער האט געהייסן דער דיבוק זאל ארויסגיין, און דער דיבוק האט אנגעפאנגען רעדן: "ווער ביסטו מיר צו געבן די באפעל, אונז זענען מירביידע געווען חברים, דו ביסט געווען דער זעלבער בעל עבירה ווי מיר, און יעצט הייסטו מיר ארויסגיין?"

עס איז געווארן א געוואלדיגע רעש, ווייל קיינער האט נישט געוואוסט פון אלעס וואס דער רב האט געטון אין די פריערדיגע יארן, אבער דער רב האט זיך געשטארקט, און האט אים געענטפערט: "דו ביסט גערעכט, אבער דער אויבערשטער האט מיר געגעבן שכל, דורך די מצוה וואס איך האב געטון, און יעצט האב איך רשות דיר צו הייסן ארויסגיין פון דער יונגערמאן".

האט ר' איציק'ל בוהושער געזאגט אזוי, פון דעם זעט מען אז א איד טוט א מצוה, ווערט ער דורך די מצוה נתעורר מיט א תשוקה צו דינען דעם אויבערשטן, און דו, ממה נפשך, טאמער האסטו א מצוה מיט דעם וואס דו געבסט מיר געלט, וואלט עס געדארפט משפיע זיין אז דו זאלסט תשובה טון, אלא מאי, דו טוסט נישט קיין תשובה, איז א סימן אז מיט דעם וואס דו געבסט מיר געלט איז נישט דא קיין שום מצוה, וועל איך נישט נעמען פון דיר מער קיין געלט.

דער איד איז אריין אין א געוואלדיגע חרטה, ער האט תשובה געטון, און ער איז געווארן אן ערליכער איד. זכותם יגן עלינו

א פרייליכן שבת